לאנדאן-ווייטשעפל יולי 1944—נומער 54

# יידיש-סאוויעטישע ברידער

---

## אונזערע ברידער אין סאוויעט-רוסלאנד

.1

פאַר אונז, גלויביקע אין דער גייסטיקער שעפערישקייט פון דער יידישער קולטור, וואָס „נצח ישראל“ מיינט נישט נאָר אַ בלויזער פּראַקטישער פאַקטאָר פון אַן ענג נאַציאָנאַליסטישן קיום; פאַר אונז, וואָס דאָגמאַטישער קולט, מסירת נפש פאַר אַ קיצו של יוד הייסט נאָך ניט לעבן, פונקט ווי דאָס סענטימענטאַלע פינטעלע ייד אַליין גענוגט נאָך נישט און ס׳לוינט נאָך נישט, אַז מ׳זאָל דערפאַר לעבן; פאַר אונז זענען אונזערע סאָוויעטישע ברידער, זייער עקזיסטענץ ווי אַ יידישע איינהייטלעכקייט און זייער גייסטיק שאַפן אַ נייער אָנהויב פון אַ באַוויז,—אַן אתחלתא דגאולה! — אַז זיך אויסלעבנדיק מיט יידישער קולטור און שאַפנדיק אין איר, האַלט עס אונז מאַגנעטיש צוזאַם אין אַ קאָלעקטיווער איינהייט.

אַז נישט נאָר מען ווערט נישט אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם, נאָר מ׳איז דעמלט דער שטאַם גופא, טיף פאַרוואָרצלט, נישט אויסגעריסן צו ווערן! וואָרים, אַז דער בוים טראָגט זאַפטיקע פירות זענען זיי דאָך די בעסטע סמנים, אַז די צווייגן זענען נישט פאַרפוילט חלילה און אָפּגעבראָכן, או אַז דער שטאַם איז אַ פאַרוואָרצלטער.

דאָס סאָוויעטישע יידנטום האָט באַוויזן אַז ס׳איז בכלל נישט נויטיק אויסערלעכע נגישות און געטאָ־מויערן, פונקט ווי מען ברויכט אויך נישט אינערלעך אַזוי זיך צו פאַרצוימען, מיט „סייגים“ און „גדרים“, בכדי מיר זאָלן קאָנען בלייבן און עקזיסטירן ווי אַ קאָלעקטיווע איינהייט מיט אייגענע אינדיווידועלע אינטערעסן און הצטרכותן — אַ פאָלק וואָס איז גייסטיק שעפעריש און האָט אַ שטאַרקן קולטור־ווילן בויט זיך כסדר אויף זיינע אייגענע נייע וועלטן אין וועלכע עס לעבט זיך אויס און לעבט אויף און בלייבט אומשטערבלעך. עס איז אַ קולטור־פאָלק דעמלט גלייך מיט אַלע און געשעצט און געערט צווישן די פעלקער.

.2

פאַר אונז, גלויביקע אין אונזער פאָלק ווי אין אַ גייסטיקן שעפערישן כוח, זיינען די סאָוויעטישע יידן נישט אונזערע צוריק געפונענע ברידער, ווייל מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט פאַרלוירן, חלילה. דערפאַר זענען זיי אויך נישט אַצינד פאַר אונז, עפּעס אַ נייער פאַרטייאישער, אָדער פאָליטישער מאַכטפאַקטאָר — אַ צופאַל אין אַ שפּיל עפּעס צו געווינען!

שונאים און די שונאים פון דער גאָרער מענטשהייט, עד חרמה! אויף די חורבות, וואָס זיי לאָזן נאָך זיך, וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן אונדזערע ישובים, וועלן צוריק אויפבליען אונדזערע פאַרוויסטע מקומות — די יידישע גוערילעס, אַנגעשלאָסענע אין דער רויטער אַרמיי, צוזאַם מיט אונדזערע יידישע ברידער אין דער גלאָררייכער רויטע אַרמיי זיינען די גאַראַנטיע דערפאַר!

צוריק אויפבליען פון זייערע חורבות און מאַסן־קברים וועלן אונדזערע לעבעדיקע און אַרבעטזאַמע שטעט און שטעטלעך, צוריק אויפשטיין צו נייעם אַקטיוון שאַפן און גייסטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישע און מענטשלעכער קולטור און צו יעדער נוצלעכער פּראָדוקציע. די שטעקן געבליבענע וואָרצלען פון אונדזערע אָפּגעהאַקטע לעבנס וועלן זיך צוריק פאַנאַנדערוואַקסן אין שטאַרקע שטאַמען און אין זאַפטיקע בליענדיקע דורות.

מיר דאָ, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לייב און נפש מיטן יידישן פיזישן און גייסטיקן לעבן פון אונדזערע ברידער, שיקן אונדזער באַגייסטערונג צו די העלדן פון דער רויטער־אַרמיי און צו די אָנשליסנדיקע גוערילעס פון אַלע באַפרייטע שטעט און שטעטלעך, מיר שיקן זיי אונדזערע ברכות פון די טיפענישן פון אונדזערע הערצער, און מיר האָפן אויף די באַלדיקע זכיה און זכות צו זיין פאַרבונדן באַלד אין געמיינזאַמער אַרבעט פאַרן קיום פונעם באַפרייטן יידישן פאָלק און פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, און צוזאַמען בויען אַן ערלעכע און געהייליקטע קולטור, וואָס פאַרבינדט אַלע פעלקער אין איין משפחה פון פריינטלעכע ברידער.

פריינט פון יידיש־לשון.

לאָנדאָן, דעם 30־טן יולי, 1944.

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סט., לאָנדאָן, א.1.

פּרייז 1 שילינג

פאר אונז זענען זיי,—ווי תמיד זיי זענען עס געווען—דער שטארקסטער צווייג פון אונזער שטאם! זיי זענען דערווארצל פון אונזער צוואקסענעם און וואקסנדיקן בוים, וואס איז נישט ארויסגעריסן געווארן און ער איז געבליבן שטעקן פעסט און שטארק אינם באדן פון וועלכן מיר זענען ארויסגעוואקסן.

פאר אונז, אייראפעאישע יידן, איז דאס סאוויעטישע יידנטום—און דאס פויליש־ליטווישע, ווי דאס גאליציש־רומענישע, וועלכע האבן זיך גראטעוועט דארטן, און האפענטלעך וועלן זיך הונדערטער־טויזענטער נאך ווייטער ראטעווען — נישט עפעס א „שארית הפליטה" פאר אלט־נייע, אדער פאר נייע־אלטע פארטייאישע און פאליטישע פליטות, זיי זענען דער יסוד און דער אנגעזאמעלטער אוצר, דער ערלעכער קערן און דאס פארמערנדיקע פארמעגן פון הונדערטער יארן פיזישער און גייסטיקער ענטוויקלונג און דער מאכט־אויסדרוק פון אונזער ווייטערער עקזיסטענץ.

און דאס זענען זיי פארן גאנצן יידנטום,—פונקט ווי זיי זענען עס געווען פיזיש און גייסטיק אין די לעצטע צוויי הונדערט יארן! — פאר דעם הערא־אישן ישוב אין ארץ ישראל, פונקט ווי פאר דעם אין דער לענג און אין דער ברייט זיך ווארפנדיקן אמעריקאנישן, ווי פאר אלע קליינע קבוצים, וואו נאר מיר געפינען זיך.

און אויב מיר וועלן אויסהאלטן,—און מיר האלטן דאך אויס, אזוי מסירת־נפשדיק און אזוי הערא־איש־עפיש! און אויך אין דעם זין באווייזן עס דאך אמשטארקסטן און אמבולטסטן אונזערע סאוויעטישע ברידער, די שטאלצע קעמפער אין דער רויטער ארמיי! — וועט אונזער נייע קולטור, אונזער נייער אויסדרוק, געשאפן אין אייראפע, בלייבן אזוי נצחדיק, פונקט ווי די געוואלטיקע שאפונגען אונזערע פונם תנ"ך, וועלכע זענען געבליבן אונזער אלטער און שטארקער אויסדרוק פון דער אריענטאלישער קולטור־עפאכע.

### 3.

און עס איז יידיש, דער מעדיום פון אונזער מאדערנעם גייסטיקן שאפן, וואס האט אין זיך די גאראנטיע שוין, די נאטירלעכע אייגנשאפטן פאר דעם נצחדיקן און הייליקן גלויבן אונזערן.

אונזער מאמע־לשון, וואס האט מיט אירע חבלי־לידה ווייען אויסגעטראגן אונזער מאדערנע קולטור, אונזער „גלות"־שפראך, וואס האט אין איר נע־ונד וואנדער, אין זיך אויפגענומען די גרונד־עלעמענטן פון אלע אייראפעאישע דיאלעקטן, איז די אטמאספערע נישט נאר פון א געגנט־טייל פון איין אקסידענטאלן ערד חלק, פון איין קלימאטישן אויסשניט, נאר די אטמאספערע פון גאנץ אייראפע. זייענדיק פארבונדן מיט אלע אייראפעאישע פעלקער און פארוואונדיקט פון זיי, וואורצלדיק און בלוטנדיק צווישן זיי אין משך פון א סך הונדערטער יארן איז אונזער שפראך געווארן דער שוואם אלץ איינזאפנדיק אין זיך. יעדע אויסגעפארעמטע אייראפעאישע שפראך ווערט אלץ מער און מער צו ענג אינדיווידואליסטיש און נאציאנאליסטיש, אז זי זאל טראגן אין זיך דעם איינהייט־



לעכן אייראפעאישן חותם — דאס יידיש געפארעמטע ווארט איז דער מארטיריזם און הערא־איזם געשאפן איבערן גאנצן און פון גאנצן אקסידענט, עס איז דער אויסדרוק פון דער מאדערנער קולטור־עפאכע.

און עס איז דאס גרויסע רוסלאנד געווען מיט אירע סלאווישע פעלקער, וואס צווישן זיי האט אונזער שפראך באקומען די עפישע שלימות צו גייסטיקע פארמונג, ווי אונזער מאדערנע דיכטונג און עפישע פראזע איז געשאפן געווארן. און ס'איז איצט ווידער סאוויעט־רוסלאנד וואו אונזער לשון איז אפיציעל די שפראך פון א שאפנדיק קולטור־פאלק צווישן פעלקער.

עס איז סאוויעט־רוסלאנד וואו דער „אבן מאסו הבונים" איז דארט געווארן „לראש פינה"! (ביי אונזערע אייגענע „קולטור"־מענטשן אין אלע לענדער און אפילו אין ארץ ישראל איז דאך יידיש נאך נישט גלייכבארעכטיקט . . . .) דערפאר קוקן מיר ארויף מיט אזעלכע גלויביקע אויגן צו אונזערע ברידער אין סאוויעט־רוסלאנד און צו זייער גייסטיקן שאפן און מיר זענען זיכער, אז דער „נצח ישראל" וועט נישט זיין קיין ליגענט, חלילה.

א.נ.ש.

א. וואטערמאן

## צען יאר בירא־בידזשאן

ווער האט דען געהערט פון אמור, פון דעם בירא אדער בידזשאן. לאנגפליסיקע טייכן מיט אזעלכע אויסטערלישע נעמען ערגיץ ווייט אין דער רוסישער טונדרא, ערגיץ־וואו אין די הרי־חושך. היינט אבער מיינען בירא־בידזשאנער פיל מער — ס'מיינט א יידישע אויטאנאמע געגנט, א קליינער אבער גלייכבארעכטיקטער מיטגליד פון די גרויסע אנגעזעענע יחוסדיקע משפחה פון סאוויעטישע פעלקער — וואס פארא וויזיעס ס'רופט ארויס אט די גרויסע מעגליכקייט וואס סאציאליזם גיט דעם רוסישן יידנטום — דעם יידנטום פון דער גאנצער וועלט.

כ'האב נאר וואס דערהאלטן דעם רוסישן אלמאנאך פאר דעם יאר 1944. און צווישן די גרויסע היסטארישע האטומס דערמאנט, איז אויך איינגעשלאסן דער 7־טער מאי, 1944—דער צען יעריקער יובילייי פון אט דעם גרויסן אנפאנג פון אט די גרויסע האפנונג — א ווינקל פון דער וועלט וואו יידן לעבן און ארבעטן — אן שרעק און מיט פרייד אין זייערע הערצער. און אט וואס דער אלמאנאך זאגט:

אין 1934 איז עטאבלירט געווארן דער איינציקער יידישער אויטאנאמער געגנט — דער ערשטער אין דער וועלט — אין ווייטן מזרח פון סאוויעטן־פארבאנד. עס געפינט זיך אויף די ברעגן פון אמור און זיינע אויספלוסן בירא און בידזשאן. דערפאר בירא־בידזשאן. די געגנט איז רייך אין נאטירלעכע רעסורסן און געוואלטיקע עקאנאמישע פאטענציאלן. אינם סוב־סטראטום פון לאנד געפינען זיך גרויסע דעפאזיטן פון אייזן, גאלד, קוילן, גראפיט, מאגנעזיום, מארמל און בוי־מאטעריאלן. די געאלאגישע אויספארשונג ארבעט, דורכ־

געפירט דורך די וויסענשאַפטלעכע אַקאַדעמיע פון פ.ס.ס.ר., האָט באַוויזן אונערשעפליכע אוצרות וואָס ליגן באַהאַלטן אין די ערד פון בירא־בידזשאַן. די געוואַלדיקע ערד עקספּאַנסיעס פון דער געגנט זענען באַוואַקסן מיט די בעסטע מינים פון ביימער. די פרוכטבאַרע ערד וואָס ליגט אינם טאָל פון טייך אַמור און זיינע אויספלוסן, צוזאַמען מיט דעם מילדן קלימאַט מאַכן מעגלעך די אַנטוויקלונג פון אַ פאַרשידנאַרטיקע אַגריקולטור.

בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דער רייכער און פרוכטבאַרער באָדן פון דעם אַמורער טאָל געלעגן אונבאַרירט פון דער מענטשלעכער האַנט. איצטער איז די ערד איריגירט און פאַראַקערט, די אור־אַלטע טייגע איז צוריקגעשטופט געוואָרן, נייע וועגן און שאָסייען זענען געלעגט געוואָרן.

דורך די צען יאָר זייט דער עקזיסטענץ פון די יידישע אויטאָנאָמע־געגנט האָט זיך דער פאַרזייט־קולטיווירטער שטח געוואַלטיק פאַרגרעסערט. אין 1939 זענען 50,000 העקטאַרן געוואָרן פאַרזייט: קאָרן, ווייץ, גערשטן, רייז, סאָיא־בעבלעך, קאַרטאָפל און אַנדערע תבואות וואַקסן יעצט דאָ. די לעצטע עטלעכע יאָר אין די זאַמלונג פון העקטאַר זער פיל געשטיגן. אַזוי זאַמלען איצט איין די קאָלעקטיווע פאַרמס אַן ערך 2,000 פונט קאָרן פון יעדן אַקער לאַנד, 2,000 פונט סאָיא־בעבלעך אָדער 8,000 פונט קאַרטאָפל.

די אַנטוויקלונג פון בהמה און בינען־צוכט שטייגן פון טאָג צו טאָג. אונטערנעמונגען פון מעטאַל אַרבעט און האָלץ אינדוסטריע, פאַבריקן וואָס שטעלן צו בוי־מאַטעריאַלן, געשטריקטע טריקאָטאַזש און די מלבושים אינדוסטריע האָבן זיך אַנטוויקעלט און שטעלן יעצט צו גרויסע ליפערונגען פאַר׳ן מלחמה־פראָנט.

גאָלד פראָספּעקטירונג און קוילן־שיכטעס ווערן אויך אַנטוויקעלט אין דער געגנט, ספּעציעל די מינען פון אייזן רוי־מאַטעריאַל (Iron Ore) פאַרמאָגן די רייכסטע דעפּאָזיטן פון גאַנצן ווייטן מזרח. די מאַליקינגאַן מינען פאַרמאָגן אין זייער אויסגרוב פּופציג פּראָצענט ריינעם אייזן, און די דעפּאָזיטן דאָרט דערגרייכן צו הונדערטער מיליאָנען טאָנען.

פון אַ קליינע באַן־סטאַציע בירא־בידזשאַן, דער צענטער פון די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקעלט אַ וויכטיקער אינדוסטריעלע און קולטורעלע שיינע הויפּטשטאָט. גרויסע שטאָקיגע געביידעס, אַספאַלטירטע ריינע גאַסן, גערטנער און פאַרקן; נייע שטעט, אַרבעטער באַוווין־דיסטריקטן, זענען ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן אויסגעוואַקסן אין די געגנט, — וואו פריער האָט געוווינט דער בער און דער ווילד־טיער און ווי די טייגע איז געשלאָפן איר טויזענט יעריקן שלאָף.

אין די צען יאָר זייט די עקזיסטענץ פון די געגנט, האָבן איינגעוואַנדערט צענדליקער טויזענטער יידן, ניט בלויז פון אַלע עקן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָר אויך טויזענטער פון אונזערע לענדער, בעזונדערס די לעצטע יאָרן זינט די מלחמה האָבן טויזענטער יידן, געראַטעוועטע פון היטלערס אייראָפּע, זיך



דאָרט באַזעצט. די יידן פון בירא־בידזשאַן זענען געוואָרן שווער־אינדוסטרי אַרבעטער, פויערים אין די קאָלעקטיוון, בהמה און בינען־ציכטער, יעגער און וויסענשאַפטלער, טעכניקער, מלוכה־מענער און קולטור־פירער.

די געגנט האָט אַ פאַרשפּרייטע נעץ פון לער־אַנשטאַלטן, איינשליסנדיק פּעדאַגאָגיק, מעדיצין, באַנען און אַגריקולטור הויך־שולעס. אַ ספּעציעלע מוזיק־שולע, צענדליקע פּערמאַנענטע און באַוועגלעכע קינאָ־טעאַטערס, קלובן, קינדערגאַרטענס האָבן זיך געעפנט און פונקציאָנירן אין די שטעט און דערפער.

דער קאַגאַנאָוויטש יידישער שטאָט טעאַטער איז געוואַלטיק פּאָפּולער ניט בלויז אין די געגנט נאָר אויפן גאַנצן שטח פון די ווייט מזרחדיקע געגנט, וואו זיי שפּילן יידיש טעאַטער צו פאַרשידענע פעלקער וואָס באַוווינען די געגנט. אין 1928 איז דאָרט ניט געווען קיין איינציקע יידישע צייטונג, היינט זענען פאַראַן זעקס טעגליכע צייטונגען פיין פּראָדוצירט אין די לאָקאַלע דרוקערייען.

די אַרבעט און שטאַטס־ענינים פון דער געגנט, די קולטור און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, ווי אויך דאָס לערנען אין די שולעס ווערן אָנגעפירט אויסשליסלעך אין די יידישע שפּראַך.

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט בירא־בידזשאַן שפּרייזט פאָראויס צו אַ פולע און ברייטע אַנטוויקלונג, צו די גרויסע צוקונפט וואָס ערוואַרט איר די ערשטע און די וועלט יידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. דורך די טעג פון פּיין און צער פון די גרויסע פאָטערלענדישע מלחמה איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק צוזאַמען מיט אַלע זייערע ברידער־פעלקער אין גרויסן סאָוויעטישן לאַנד געשטאַנען, געקעמפט און געבלוטיקט פאַר זייער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד קעגן די באַנדיטישע פערכאָפּער—היטלערס פאַשיסטן. זיי האָבן געקעמפט פאַר די גלאָררייכע צוקונפט און אונאָבהענגיקייט פון זייער לאַנד, פאַר דעם רעכט פון זייער לאַנד צו שפּילן די גרויסע ראָלע פון אַ וועגווייזער פון אַלע אַנדערע אַלעאירטע פעלקער.

צווישן די צענדליקע הונדערטער יידישע סאָוויעטישע פּאַטריאָטן וואָס האָבן געווינען אויסצייכנונגען אויף די פראָנטן און אין די פאַבריקן זענען אויך פאַראַן פילע הונדערטער וואָס שטאַמען פון די יידישע אויטאָנאָמע געגנט בירא־בידזשאַן.

אין אַט אַזאַ מין יום־טובדיקן טאָן רעדט דער אַלמאַנאַך וועגן דעם לאַנד בירא־בידזשאַן. יידן האָבן לאַנג געחלומט וועגן לאַנד און פרייהייט, וועגן רעכט און אַרבעט און אַט שטייט די ווירקלעכקייט פאַר אונזערע אויגן—ניט געבויט אויף זאַמד און קאָנקורענץ נאָר אויף די רעאַליטעט פון סאָוויעטישע פאַרזיכערונגען, אויף די טייערע ווערטער פון זייער פּרעזידענט מיכאיל קאַלינין — „יידן האָבן אַ רעכט צו ווערן אַ נאַציע אין דעם לאַנד וואָס גיט נאַציאָנאַלע רעכט צו אַלע אירע פעלקער".

פילמאָל וואונדערט זיך וואָס דאָס יידישע פאָלק אויסער ראָטן־רוסלאַנד שטייט אַזוי פון דערווייטנס פון אַט דער גרויסער אַקטועלער סאָציאַליסטישער

מעגלעכקייט. אונזערע בעלי־חלומות הפנים האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צו חלומען אַז זיי קענען ניט אונטערשיידן צווישן חלום און ווירקלעכקייט. און די ווירקלעכקייט איז אַ לאַנד, אַ יידיש לאַנד, אַ סאָציאַליסטיש לאַנד געבויט אויף אַ פעסטן פונדאַמענט פון פעלקער גלייכהייט — אַ לאַנד וואָס איר צוקונפט איז געבויט אויף אייזן און מאַרמלשטיין, אַ לאַנד וואו יידן גייען פּאַוואָליע מיט גלייכע פּלייצעס—דער גאַנג פון אַ פויער וואָס איז זיכער מיט זיין ערד און זיכער, אַז מאָרגן וועט די זון שיינען און די קו וועט זיך קעלבן; אַ לאַנד פון סאָציאַליזם און פעלקער ברידערלעכקייט. אַזוי אַז ווען אין די יעצטיקע ביטערע צייטן פון אונזער פאָלק, וואָס שרייט אויס אין פערצווייפלונג „מאין יבוא עזרי״ איז שוין הויך צייט ער זאָל ווענדן זיין בליק צום טייך אַמור אויפן ווייטן מזרח.

פּראָפעסאָר ל. פּאַסטערנאַק

## „יעקב׳ס ברכה״

פון דעם באַרימטן רוסיש־יידישן מאָלער, ל. פּאַסטערנאַק׳ס בוך איבער „רעמבראַנדטס יצירה און איר ווערט פאַר דעם יהדות״.

די תנ״כישע וויזיע פון „יעקב׳ס ברכה״ איז געמאַכט (פון רעמבראַנדט) מיט אַזעלכער קונסט פאָלקאָמענקייט אַז ס׳איז זעלטן נאָך אָנצוטרעפן, אפילו ביי אים אַליין. כאָטש איך האָב דאָ נישט געוואָלט רעדן אין דעם לשון פון די מאָלער און זיך באַנוצן מיט טעכנישע אויסדרוקן, וואָס זענען דעם רוב לייענער קנאַפּ באַקאַנט. אָבער איך מוז דאָך צו דעם אָנקומען, ווייל „יעקב׳ס ברכה״ איז געמאָלט מיט אַזאַ שוואונג, קראַפט און וואַרמקייט אַז ס׳איז שווער זיך איינצוהאַלטן פון באַנוצן דעם ריכטיקן קינסטלערישן נאָמען וואָס באַצייכנט דעם אופן פון אַזאַ מין מאָלן. איך מיין Alprimo; דאָס הייסט מיט איין מאָל, מיט איין קלאַפּ, אין איין אָטעם. פון דער קראַפט פון דער איבערשטראָמנדיקער שאפונגס־ענערגיע, האָט זיך באַאיילט דעם גאונישע פּינזל פונם אַלטן, וואָס גיכער אויף דעם לייוונט אַרויפברענגען מיט הייסן טעמפּעראַמענט, מיט יוגנטלעכן פייער די אַלע ברייטע גראָבע אייל־פּאַסן, די אַלע זאַפטיקע, פעטע און וואַרעמע אייל־שטרייפן און האָט דערמיט באַדעקט אַלע זייטן פונם בילד,— דער אימפעט פון גליק האָט אָפּגערייניקט אַלע מכשולים פאַר דער האַנט און פאַר דעם פּינזל וואָס האָבן זיך געכאַפּט אין דערשטוינענדיקער איילעניש דעם גאַנצן געדאַנק אויף איין מאָל אויסצודריקן.

פון מאָלערישער זייט, די אויספירונג, דאָס צוזאַמענפּאַסן פון די פאַרבן און א.וו. איז דאָס, ווי געזאָגט, איינע פון די בעסטע אין רעמבראַנדטס יצירה,— און קיין רעפּראָדוקציע איז נישט ביכולת איבערצוגעבן אירע אַלע באַזונדערע מעלות, איר גאַנצע פּראַכט, דעם גאַנץ צאַרטן אויסדרוק פון די מיטשפּילנדיקע פּאַרשוינען און זייער כאַראַקטעריסטיק, אויך נישט דאָס באַקענטעניש פון





„יעקב׳ס ברכה״—פון רעמבראַנדט

רעמבראַנדטס געניאַליטעט וואָס האָט זיך אין דעם בילד קאָנצענטרירט מיט איר גאַנצן חן און צויבער. מיך, אַלס מאָלער, האָבן ממש געפּאַקט די בילדער פון רובענס, אויך די גרויסע איטאַליענער און האָלענדער האָבן מיך באַצויבערט—אָבער די דאָזיקע יצירה פון רעמבראַנדט האָט מיך געפּאַקט ביז גאָר און מיך נישט אָפּגעלאָזט; איך האָב געגלויבט איך וועל מיך קענען פון איר אַוועקרייסן, אָבער יעדעס מאָל האָט זי מיך צוריקגעצויגן . . . אָבער אָנשטאָט פון דער ערשטער שמחה וועלכע איז נאַטירלעך ביי אַ מאָלער ווען ער שטייט פאַר אַזאַ גרויס ווערק איז אָבער פּאַמעלעך געקומען אַ טיפערע אויפרעגונג פון דער נשמה. עפּעס האָט אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין האַרצן אַ ציטער געטאָן . . . עפּעס נייעס, נענטערעס, אינעווייניקסטעס און האַרציקעס האָט אָנגעהויבן אין מיר קלאַפּן און האָט אַלעס אַנדערע פאַר מיר צוגעדעקט.

יעקב בענטשט זיינע אייניקלעך מנשה און אפרים, און זייערע עלטערן יוסף און אסנת שטייען דערביי. שיין און פּראַכטפול זענען געשילדערט אויך יעקב און זיין זון יוסף, אויך די אייניקלעך, כאָטש ס׳איז שווער צו געפינען אַ באַזונדערן יידישן שטריך. אָבער די אַלע זענען דאָ נישט דער עיקר. פון דער רעכטער זייט אויפן בילד שטייט אינגאַנצן איבערפלייצט מיט דעם גלאַנץ פונם פייערלעכן שוישפּיל — ניט די מצרית אסנת, די טאָכטער פון פּוטיפרע, נאָר אַ יידישע פרוי — און אין איר איז אַלצדינג!

וואָס פֿאַר אַ אסנת, רבונו של עולם! וואָס פֿאַראַ יידישקע! וואָס פֿאַר אַ מאַמע! איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין מאַמען . . . הייליקע יידישע מאַמעס! וויפיל צער און טרויער האָבן אויסגעדריקט אייערע אויגן און וויפיל טרערן האָבן זיי פֿאַרגאָסן! וויפיל נעכט אָן שלאָף, אָן מנוחה האָט איר פֿאַרבראַכט ביי דער וויג פון אייער קינד! באמת, איר זענט די איינציקע, און ס'איז נישטאָ אייער גלייכן. אייער מאַרך, אייער האַרץ, אייער גאַנצער זין, אייער ווילן און נשמה— אַלעס האָט איר מקריב געווען, איר האָט עס פֿאַרברענט צו אַש צוליב אייערע קינדער. פֿאַר דער צייט זענט איר אַלט געוואָרן. באמת, הייליק איז אייער לעבן און הייליק איז אייער מסירת נפש. ווער קאָן זיך צו אייך גלייכן אין מוטער־ליבע!

אין עצם גערעדט איז „יעקב'ס ברכה" נישט אַנדערש אַלץ אַ פשוטעס האָלענדישס זשאַנער בילד פונם יידישן שטייגער אין רעמבראַנדטס צייטן. אָבער דער גאַנץ אויסטערלישער פאַטאָס וועלכער דורכדרינגט דאָס גאַנצע בילד דערהויבט עס צו אַ מדרגה פון ביבלישער גדלות. גאָט'ס ברכה נידערט אַראָפּ דורך יעקב'ס מויל אויף די קעפּ פון זיין נאָכקומענשאַפט. אין דער לינקער זייט, פון אונטער די פֿאַרדונקעלטע בעט־פֿאַרהענגלעך שטראָמט אַרויס יענץ גאוניות — און דאָס דאָזיקע ליכט באַשטראַלט און באַלויכט אַלע מענטשן, וואָס זענען באַטייליקט אין דער סצענע. דער אַלטער יעקב דערהויבט זיך אַביסל מיט יוסף'ס הילף אין זיין בעט, פון וועלכן ער וועט שוין קיינמאָל נישט אַראָפּגיין . . . אונטער זיינע אַלטע אָרעמס — די צוויי אייניקלעך, און זייער מוטער אסנת שליסט אָפּ דאָס גאַנצע בילד. מיט גרויס עניוות, מיט עפּעס אַ הייליקן שרעק, שטייט זי דאָ, אויסגעצירט מיט מלבושי־כבוד, באַהאָנגען מיט באַזונדערע מיסטישע ליכט — וועלכעס איז דער עצם פון רעמבראַנדט'ס טייערע אידעל־שטיינער, — אָבער דער גרעסטער גלאַנץ אירער — איז דער דורכשיין וועלכער גייט אויף פון איר פנימיות, פון איר מוטער־ליבע — זי איז דורכגעדרונגען מיט דער גרעסטער חדווה פון איר לעבן, מיט אַ הייליקן אימפעט פֿאַר אָט דער גרויסער רגע; די הייליקע רגע, ווען גאָט'ס ברכה נידערט אַרונטער אויף אירע טייערע אינגעלאַך. די דאָזיקע חדווה פילט מען אַרום אירע איידעלע ליפן, אָבער די אויסדרוקפולע, טרויעריקע גרויסע אויגן — עכט יידישע אויגן — וואָס זענען אָבגעקערט אין איר אינוועניקן מהות, קענען נישט אויך אין דער דאָזיקער רגע פון איר גרעסטער שמחה איר צער און פחד פֿאַרדעקן; עדות זאָגן אירע אַביסל גערויטלטע אויגן־ברעמען, אַז די אויגן האָבן אָפט און פיל געוויינט, און אפשר אָקאָרשט פֿאַר דער ברכה. ס'איז אויך גאָר קיין ספק נישט אין דעם: רעמבראַנדט האָט עס טאַקע בולט געמאַכט מיט אַ קוים געזעענעם שפור פון פייכטקייט, אויך מיט אַ קליינעם שאָטן פון בלאָקייט אויף דעם שפיץ פון איר נאָז, וואָס איז תמיד אַ סימן פון טרערן און טיפער אויפרעגונג אויף אַ בלאַסן צאַרטן פנים, ווי אָט ביי דער דאָזיקער איידלער יידישער פרוי — אָסנת . . .



זי איז אָבער נישט נאָר אַ סימבאָל פון יידישער מוטער־ליבע, זי סימבאָליזירט אויך אַלע פיינע און גוטע מידות פון פֿאַטריאַרכאַלישן משפחה־לעבן— די מידות וועלכע זענען פֿאַרהערלעכט אויך ביי נישט־יידן. מען קען זאָגן, אַז רעמבראַנדט'ס אָסנת איז טאַקע שלמה המלך'ס „אשת חיל" אָדער די „נות־בית" (דער צירונג פון דער שטוב). מחמת די הענד אירע, וואָס זענען אַזוי צניעותדיק צונויפגעלייגט, זענען נישט יענע צאַרטע הענד פון אַ לעדיק־גייערין; ניין! די דאָזיקע זענען געוואוינט צו אַרבעט אין שטוב און אין דער גאַנצער ווירטשאַפט. די עפעס פלאַכע ברוסט, זאַט מיט יסורים, איז נישט נאָך דעם סטיל פון רובענס. די שיינקייט אירע איז נישט פון אַ געכאַליעטן גוף, אויך נישט אין פֿאַראיידעלטע פינגער פון צאַרטע געכאַליעטע הענד. דאָ האָט מנצח געווען אַ גאַנץ אַנדערע שיינקייט, אַ זעלישע, אַ יופי דלמעלה . . . . רעמבראַנדט'ס גאַנצער כיוון איז געווען לכבוד דער מענטשלעכער נשמה — דער אויסדרוק פון ליבע, עניוות, מוטערלעכקייט און פֿאַטריאַרכאַלישע ריינקייט — דאָס אַלעס האָט רעמבראַנדט אויסגעדריקט אין דער געשטאַלט פון אָט דער טיפישער גאָטזעליקער יידישער פרוי. איר לכבוד איז דער גאַנצער גלאַנץ און ליכט וועלכע גיסן זיך פונם בילד, אַזוי געניאַל אין זיין פשטות איז דער אויסדרוק וואָס דער קינסטלער האָט דאָ געגעבן זיינע טיפסטע געפילן.

איר זאָלט אָבער נישט אַרומחקרענען איבער פֿאַרשידענע חסרונות אין מאַנכע פרטים. למשל, ווי די צוויי קליינע אייניקלעך זענען כמעט אַריינגעקוועטשט אינם בויך פונם אַלטן זיידען (וואָרשיינליך, וועגן דער קאָנצענטרירטקייט פון דער סצענע), אויך די פּראָפּאָרציע פון די אייניקלעך, וואָס ווייזט אויף, אַז יעקב בענטשט דעם עלטערן—מנשה'ן, און דאָס איז שוין גאָר קעגן אַ בפירוש'ן פסוק! — און דאָס וואָס, ווי באַמערקט, — אסנת איז גאָר נישט קיין מצרית, נאָר איינע עכטע יידעשע פרוי, א.א. דאָס איז תמיד די חסרונות פון נאַאיווער עכטער קונסט. עס זאָל אייך אויך נישט וואונדערן, וואָס די בגדים זענען נאָך דעם שניט פון רעמבראַנדט'ס צייטן . . . . און דערביי די אויסטערליש פֿאַנטאַסטיש־אָריענטאַלישע קאָפּ־באַדעקונגען, און דער ניי־צייטיקער געלעגער מיט אַ באַלדאַכין. אָבער די אַלע חסרונות פֿאַרלעשן און פֿאַרשוואונדן קעגן דער פראַכט פון דער מענטשלעכער נשמה, קעגן דעם עכטן ביבלישן ליריזם וואָס שטראָמט אַרויס פון יעדן פרט.

דאָס בילד האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, עס האָט מיך באַגלייט אינערלעך. עס האָט אויסגעפילט מיין האַרץ. און אפשר זענען דאָס געווען נישט נאָר געפילן פון אַ קינסטלער, אפשר זענען פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן אַרויפגעשוואומען מיינע נאַציאָנאַלע געפילן? — — —

(יידיש) פון שלמה אויערבאַך

א. נ. שטענצל

## זעקסטער יוני 1944
(סאָנעטן)

### 6־טער יוני....

אין ליכטיקע ווייטן צעשטרעקט זיך די וועלט,
פֿון עק ביז עק אויפֿגעהענגטער רעגנבויגן;
טרילנדיקע שוועלבלעך לוסטיק אויפֿגעפֿלויגן,
פֿליגלדיק־וויגנדיק־ שאָטנדיק־צעהעלט;

מיטן געפֿלאַטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט
זומערפֿייגעלעך בליטן־שטויב אויסצוזויגן;
קרישטאָלענע פּערל אויף שנירלעך געצויגן
צייטיקט אין זון־אויפֿגיי אַ וויגנדיק פֿעלד:

ווי וווּנדערלעך הערלעך דער גאַנצער אַרום —
אַן אויפֿגעקנאָספּעטע בליענדיקע בלום!
יאָ, די פֿליִערס אַנאויפֿהער איבער מיין קאָפּ,

זומערפֿייגעלעך זוימען־שטויב צוצעטראָגן;
און דער פֿינקלדיקער טוי אין די פֿאַרטאָגן,
די טרערן פֿון מיינע אויגן וואָס פֿאַלן אַראָפּ — —

### מיין הארץ גייט־מיט מיט אייך

מיט די באָמבערס אָנאויפֿהער איבער מיין קאָפּ,
מיין האַרץ אין מיר רייסט זיך פֿלאָטערדיק מיט;
פֿון די טאַנקן דער באַוואָפֿנטער שריט
געוואַלטיק אין מיין האַרץ הילכט עס איצט אָפּ.

אָ, מיין יאָגנדיק בלוט, מיין יעטוועדער טראָפּ —
אַ רייטער אויף אַ פֿערד אין פֿלינקן ריט,
דעם פֿיינט צו טרעפֿן אין האַרץ אינדערמיט
און ווייטער צו יאָגן אין ווילדן גאַלאָפּ — — —

ווייל מיט מיין כּוח איצט איך קאָן עס נישט פֿאַסן,
דאָס געוואַלטיקע גרויסע וואָס געשעט,
גייט פֿערחלשט אויף אין מיר אַ געבעט —



ווילד־צאַנקנדיק און פֿאָמעלעך־געלאָסן,
אויפֿצאַפּלנדיק אין אַ לעצטער אָנמאַכט,
מיט יעדן סאָלדאַט פֿאַרבלוטיקט אין שלאַכט.

### „הזורעים בדמעה ברינה יקצרו"

הויך אויף די פֿעלדער שטייען שוין די זאַנגען,
און די מאָן־בלומען בליען בלוטיק רויט;
איז דאָס זייען געווען מיט טרערן פֿון נויט,
וועט דאָס שניידן זיין מיט פֿרייד און געזאַנגען — — —

זיין זריעה באַקוקן אַרויסגעגאַנגען
אויף די פֿעלדער, די צייטיקע, ס׳איז דער טויט:
זע, די קאָרן־בלום זי האָט שוין אויפֿגעבליט,
נאָר איין פּאָך מיט זיינע אָרעמס דערלאַנגען,

און אין סנאָפּעס די תּבֿואה איז אויפֿגעשטעלט!
פֿון צופֿיל קוילען שטומפּיק איז זיין קאָסע,
פֿאַראָסט איז זי פֿון זיין בלוטיקער ראָסע,

און ער שטייט אַ סטראַשידלע אינמיטן פֿעלד —
— — — — — — — — — — — — — — —
איז דאָס זייען געווען מיט נויט און געוויין,
וועט מיט דאָפּלטער פֿרייד די זשניווע איצט זיין!

### אז אייביק ס׳מוז קין הבלן צוערשט טייטן

אַז אייביק ס׳מוז קין הבלן צוערשט טייטן,
אַז יעטוועדער איינער מיט זיינעם: איך בין!
טאָ צו וואָס דעם מענטשנס טרוימען, וואָסער זין,
און זיין גערעכטיקייט, וואָס פֿאַר אַ באַדייטן?

איבער ווילדע קזשאַקעס, איבער רויזן־בייטן,
קונציקע פּעדעם ס׳שפּינט כיטרעדיק אַ שפּין,
פֿאַרמאָטערט פֿליגעלע צו זייגן דערין —
אַזוינס ס׳איז יעטוועדער איינער פֿאַרן צווייטן!

און אַז מ׳האָט אים שוין געהרגעט — נישט געשטאָרבן
ס׳איז קין איבערלעבנדיק דורות זיבן!
איז דאָך דאָס אַלצדינג, וואָס דעם מענטש ס׳איז געבליבן,

פון גאָטס אָנגענומענעם הבל׳שן קרבן — — —
אָ, אַז דער גאַנצער זין פון מענטשלעכן לעבן
פריידיקע נקמה, נישט מחילה און פאַרגעבן.

## בר־כוכבא׳ן מיט אין וועג אריין

אַז וויפיל דו וועסט אים נישט פאַרגעבן דעם מערדער,
און מיט דיין גאַנצן האַרצן דאָס גוטע אין אים זוכן,
פון דיינע ליפּן די קללה אים צו פאַרפלוכן,
איבערשרייען מיט שילער, מיט קאַנטן, מיט הערדער

און מיט געטעס „ווערטער־ליידנ״דיקן זעלבסט־מערדער,
אויף אַלע זיינע פיר שוין, אַ „הולך על גחון״,
נאָך מענטשלעך בלוט ווי אַ חיה וועט ער אַלץ ניוכן — —
נייך, נישט נקמה—די שלאַנג צו מאָרדן דיך פערדער!

אַ ליבלעך קעצל דו קאָנסט מאַכן פון אַ לייב,
פון בייזסטן וואָלף — אַ שויס־הינטל צום צייט־פערטרייב;
זיך ראַטעווען פון די שלאַנג, מוז מען זי צעטרעטן!

ווי זי צינגלט דאָס פונם גרינעם גראָז אַרויס,
איר צישען — כאָטש פייגל־געשוויטשער איז עס בלויז!
אַ פאַקיר וואָלט געווען מיט איר אינמיטן בעטן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

## פראנקרייך

יענע הייליקע יאָהאַנאַ־צייטן,
וואונדיק־וווּנדערלעך און פולע מיט גלויבן,
פראַנקרייך, עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן;
די פרייד פון דיין לעבן דעם באַפרייטן,

קלויסטער־גלעקער אַ תפילה באַגלייטן,
בלוטנדיק צעטריפט דורך גאָטישע שויבן;
אַ קאַטעדראַל צום הימל אויפגעהויבן,
צו בלייבן אין אַלע אייביקייטן,

דיינע ליידן, וואָס דו האָסט אויסגעליטן;
אין די שראַמען פון די וווּנדיקע שניטן
וועט דער מענטש ווידער די שיינקייט דערזען!



פראַנקרייך, אויף דיין יעדן ראָג שטייסטו איצטער.
אַ הייליקער אין ווונדן אַ צעקריצטער,
וואַרטנדיק, ווען דאָס ווונדער וועט געשען.

## דאס שטעטעלע בריגע

יאַן און הובערטוס* איר הייליקע ברידער
ס׳שטעטעלע בריגע ווערט ווידער באַלד פריי;
ווי אין אייער בליק, הייליק און געטריי,
ווען אויף אייערע קני איר פאַלט אַנידער.

געשען עס וועלן באַלד די ווונדער ווידער;
ווי אין אייער רעם, איר הייליקע צוויי,
געטובלט און געבוירן אויפסנייי
עס ווערט דער מענטש אין דער נידער, —

די הימלישע גנאָד נישט צו פאַרשעמען! —
אַזוי איצט, בלוטיק געטובלט אין פּיין,
וועלן הייליקע געלויטערט און ריין,

אַרויסגיין ווי פון אייערע רעמען,
פאָרל נאָך פאָרל אין זייער זונטיק קלייד,
דאָס שטעטעלע בריגע צו פילן מיט פרייד!

## אז דאס אליין נאך ס׳איז אונזער טרייסט

ווער קאָן לייענען אין מענטשנס שטערן־פאַלטן
און דאָס אינערלעכסטע פון אַ האַרץ ווער זעט?
קניען ס׳קאָן דער מענטש אין זיין שטילסטן געבעט
און פול זיין מיט די רציחשסטע געוואַלטן.

דאָס בייזע פון גוטן פונאַנדערצושפּאַלטן,
דערפאַר איז דאָך דאָס וואָס אַצינד־אָ געשעט!
ליגן נישט אין שרעקלעכע חורבות די שטעט,
אונטער זיך ז׳זאָלן קענען אונז אויסבאַהאַלטן?

---

* יאַן און הובערטוס וואַן אייק, די באַגרינדער פון די נידערלענדישע און האָלענדישע מאָלעריי.

דורות נאָך דורות וועלן וונדער דערציילן,
ווי באַהיטן זיי האָבן אונז און ווי באַשיצט,
ווי הייליק ליכטיק די זון האָט אויפגעבליצט,

ווען מיר זענען אַרויס פון די פינסטערע היילן —
— — — — — — — — — — — — — — — —
אָ, אַז דאָס אַליין נאָך בלויז ס׳איז אונזער טרייסט:
מיטליידנדיק מיט אונז ס׳ווערט דער מענטש דערלייזט.

## אז אזוינס זאל נישט ווידערקערן

אַז אַזוינס וואָס אַצינד ס׳זאָל נישט ווידערקערן!
אַז דערפילן די ליידן איינער מיט צווייטן,
און גלויבן אין יענע קומענדיקע צייטן,
ווען אַלע שלעכטיקייטן וועלן אויפהערן.

נישט פולווער־שטויב מער פאַר כלערליי געווערן,
אויסצוזויגן פון די וואונדערלעכסטע קוויטן,
און מאָרד, קנאַידיקן — פון הייליקייטן!
אַזש דער מוח קאָן זיך שיער נישט איבערקערן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאָטאָר אַזאַ ס׳איז נאָך דעם מענטשנס קאָפּ,
ציינער אין ציינער — ראָד און רעדל פאַרביסן!
און אַז גאַנצע וועלט זאָל ווערן אויפגעריסן,

ס׳איז דאָס האַרץ זיינס דער עלעקטרישער קנאָפּ,
מיט שנאה און מיט אכזריות אָנגעלאָדן;
די באַטעריע — ערד און מענטשלעך בלוט געבאָדן!

## היילנדיק הייליק זענען דעם מענטשענס טעג

אַז וואָס קאָן שוין דאָס שלעכטס פון אַלע מענטשן זיין
אַנטקעגן אַזאַ הימל, אַ פולן מיט בלוי —
אַ בעקן, אַ געפולטער, צעפונקלט מיט טוי,
אונז אַלעמען צו מאַכן לויטערדיק און ריין.

צומאָל אפילו דער מלאך־המות אַליין,
אַוועקשטעלן ר׳זאָל זיך מיט זיין קאָסע אַזוי,
אויסזען דעמלט ער וועט דאָך נאָר, פינקטלעך געגוי:
אַ טויטן־קאָפּ־סטראַשידלע, וואָס שטשירעט מיט ציין — — —



וונדיק, וונדערלעך, ווי פון אונזער בלוט אַרויס,
ווי פון אַלעמענס לייד, אַזוי געוואַלטיק גרויס,
איבער די פעלדער, צעוויגטע, די זון גייט אויף —

אָ, היילנדיק־הייליק זענען דעם מענטשנס טעג!
דאָס שלעכטע — שטרויכלעניש נאָר אינמיטען וועג,
פון דעם נידריקסטן טיף ביז צום העכסטן אַרויף.

## ראבאט אקראבאט פערזן

(געווידמעט סאָוויעט־רוסלאַנד צום 22־טן יוני)

.1

אַ מאַשין ווען מ׳האָט שוין קיין כוח זי צו דרייען,
ס׳הענטל באַוועגט זיך נאָך אַ צייט פון אַליין,
אַ לעצטער כוח גברא דרייט נאָך אירע רעדער,
ביז לסוף זי שטעלט זיך אָפּ און זי בלייבט שטיין.

און ס׳אַליין־זיך באַוועגטע הענטל פאַרמאַטערט,
ווי די הענט פונם פאַרמאַטערטן פאַרשוין!
דאָס איז נאָך דיין מלחמה־מאַשין איצט, דייטשלאַנד,
אַ כוח־גברא־באַוועג אַ לעצטער — און שוין!

.2

ביזט אַ לייב־קנעכט געווען, אַ ראָבאָט געבליבן,
נאָר הענקער שליחותן פירסט דו תמיד אויס;
די פעטלע וואָס דו טוסט אַנדערע פאַרציען,
דיין אייגענעם האַלדז פאַרציסטו דערימט בלויז —

„ווען נישט דיין ראָבאָט, וואָס גרייט ר׳איז שוין געשטאַנען,
ווער ווייסט אויב פראָנט, אויב צווייטער ס׳וואָלט גאָר געווען. . .“
האָט אַזאַ געלעכטער אין מיר אויפגעצאַפּלט,
ווען כ׳האָב אים איבער מיין קאָפּ פליען געזען.

.3

אויב פריער באַפרייט נישט איינער דעם אַנדערן,
ביזקעלע מיטבאַפרייט אַליין נאָר מען ווערט,
וועט מען שוין אַצינדערט אייראָפּע באַפרייען,
וואָרים נישט — ווערט די אינזעל דאָ מיטצערשטערט!

די פאַרזשאַווערטע פוילקייט פון מענטשלעכן האַרץ,
צו אַ שפּרונזשינע פאַרגלייכן מען קאָן זי:
ס׳מוז שוין אָנרירן ס׳אייגענע ביסל לעבן,
צום אויפשפרונג זי זאָל זיך געבן אַ צעצי . . .

4.

אַראָפּגעשאָסן ר׳איז דער בלייענער פויגל,
מיט איין פליגל נאָך הענגט ער ווו אויף אַ בוים,
און מיט צווייטן, אַ געבראָכענעם אין צווייען,
צו זיין אייגענער שרעק פאָכעט ער נאָך קוים.

רוסלאַנד, נישט נאָר דעם ראַבאָט וועסט דו צעשטערן,
נאָר דעם גלויבן אין אים וואָס איז נאָך פאַראַן!
ערגער ס׳איז נאָך אפשר דער גלויבן אין גולם —
ר׳איז ס׳באַפליגלטע פערד אין שטנס געשפאַן . . .

5.

בלינדע אַזעלכע, פינצטערניש־צעשאָטנטע,
פלאַטערמייז קלאַפּן זיך כסדר ביי ווענט,
און מיט זונאויפגאַנג צו בלייבן קלעבן אַזוי:
אונטערגעהאָנגענע מיט געהויבענע הענט!

פליגלעך אַזעלכע, מיט זון־אויפגיי צעשטויבטע,
נישט איבריק ס׳זאָל בלייבן קיין סימן פון זיי —
פינצטערניש־צעפינקלט זיי פליען אַזוי לאַנג,
ביז אַ שטויבל אויף דר׳ערד ס׳ווערט זייער געדריי.

אליהו פאלושאק

## צווישן נאַכט און פרימאָרגן

צווישן נאַכט און פרימאָרגן זענען גרויסע געדאַנקען און אידעען געוואָרן געבוירן אין די מוחות פון גרויסע מענטשן; צווישן נאַכט און פרימאָרגן זענען פעלקער געוואָרן באַפרייט און פאַרשקלאַפט; צווישן נאַכט און פרימאָרגן האָט אַ כלומרשטער פריינט געמאָרדעוועט דעם אַנדערן; צווישן נאַכט און פרימאָרגן האָט דער משוגענער צעזאַר, נעראָ פאַר זיין אייגענעם פערגעניגן געלאָזט פאַרברענען זיין הויפּטשטאָט רוים.

אונזער גאַנץ לעבן אין די לעצטע יאָרן איז אַ לעבן צווישן נאַכט און אַן אונבאַשטימטן נעפלדיקן פרימאָרגן. נאָך אַזויפיל יאָרן פון קאַמף פאַר שיינע אידעאַלן און חלומות, פאַר אַ גרויסע ליכטיקע וועלט פון אמת און יושר און



סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַרזינקט די מענטשהייט אין אַ תהום פון אומוויסנקייט, גראָבקייט און גלייכגילטיקייט צום מענטשן אַלס אַ באַשעפעניש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין דער צלם אלוקים.

וואָס איז געווען דער אָפּקלאַנג פון דער אַזויגערופענער ציוויליזירטער מענטשהייט, ווען עס איז געוואָרן פאַרשפּרייט די תורה פון שגעון, אַז די וועלט מוז ווערן באַפרייט פון „וועלט־יידנטום” און באָלשעוויזם. די משוגעדיקע תורה איז נישט געוואָרן אויסגעלאַכט, נאָר איז לאַנגזאַם אַריינגעדרונגען ווי אַ גיפטיק סם און בלוט פון מאַנכע אייראָפּעאישע פעלקער, און וואו דאָס גיפט איז נישט אַריינגעדרונגען דאָרט האָט געהערשט גלייכגילטיקייט. פאַר די דאָזיקע גלייכגילטיקייט באַצאָלט די מענטשהייט היינט מיט איר בלוט.

ווער עס זעט דאָס אַנדערש האָט פאַרלוירן דעם זין פאַר ווירקלעכקייט, און עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן: וואָלט די אייראָפּעאישע פעלקער־משפחה (אַזאַ אינסטיטוציע מוז אייגענטלעך ערשט ווערן געבוירן) אין דער ריכטיקער צייט, ריכטיק רעאַגירט אויף די פאַרפאָלגונגען און פאָגראָמען קעגן יידן, וואָלט די בליענדיקע יוגנט פון אייראָפּע און אַמעריקע פאַרשפּאָרט צו פאַרגיסן זייער בלוט איצט אין קאַמף פאַר „רעכט און פרייהייט”. די פעלקער האָבן די צייכן פון דער צייט נישט פאַרשטאַנען. „וועלט־יידנטום” און באָלשעוויזם איז געוואָרן די מאָדערנע סטראַשידלע. אומוויסנקייט, גראָבקייט און גלייכגילטיקייט האָבן געזיגט. אשמדאי איז געוואָרן דער גבור און דער זיגער . . . ביז צו אַ געוויסן פונקט.

דער היינטיקער קאַמף קעגן די ערפינדער פון דער דאָזיקער וועלט־סטראַשידלע, איז אין ערשטער ליניע אַ קאַמף פאַרן וועג צוריק, דעם סטאַטוס קוואָ, און דאַן פאַר אַ ליכטיקע בעסערע ערלעכערע וועלט, אָן ליגענט, גראָבקייט און אומוויסנקייט.

די פעלקער קעמפן נישט פאַר אונדז יידן, אונדזער נאָמען ווערט קוים נאָך דערמאָנט. די פעלקער קעמפן פאַר זיך. מיר יידן שלעפּן זיך נאָך, מיר קעמפן אויך, אָבער קעגנאיבער אונדז האָט קיינער נישט קיין התחיבות׳ן, קיין פאַרפליכטונגען. מיר זענען “. . . The little boy, who cries in the lane.” ווי עס הייסט אין אַן ענגליש קינדערלידל; מיר זענען דאָס קליינע יינגל, וואָס וויינט דאָרט ערגעץ אין אַ הינטערגעסל . . . .

וווי איז אונדזער נשמה אויפגעוואַכט, ווען נאָך דעם גרויסן פאַראַט אין פראַנקרייך איז אויפגעשטאַנען טשערטשיל אַלס פאַרטרעטער פון בריטישן פאָלק און האָט גערופן צום קאַמף פאַר פרייהייט און קעגן טיראַניי! און ווען צווישן נאַכט און פרימאָרגן זענען געפאַלן די באָמבעס פון שונא איבער אונדז און צווישן אונדז, האָבן מיר געוואוסט, אַז דער גייסט פון ווידערשטאַנד וועט זיין שטאַרקער ווי באָמבעס פון שונא. איין זאַך האָבן מיר נישט געוואוסט: ווי לאַנג וועט דויערן די נאַכט און ווי אַזוי וועט אויסזען דער פרימאָרגן?

צווישן מיטענאַכט און פרימאָרגן זענען מיט דריי יאָר צוריק די מחנות פונם עסטרייכישן קאָרפּאָראַל איבערגעפאַלן זייער „וועלט־שונא“ נומער צוויי: די פרייע פעלקער פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן געלעבט בשלום און אָפּגעזונדערט זייער אייגען לעבן פון אַרבעט און קאַמף.

אַלע מאָדערנע כּלי זיין זענען געוואָרן אָנגעווענדט אינם גרעסטן גיגאַנטישן קאַמף פון דער וועלט־געשיכטע. און טראָצדעם, רוסלאַנד האָט געוואוסט, ווער עס איז זיין גרעסטער שונא און האָט צוגעגרייט און אויפגעבויט אַ גראַנדיעזע אַרמיי. מיט ניי־מאָדערנע וואָפן האָט דער עסטרייכישער קאָרפּאָראַל געפייערט איין נצחון נאָך אַנדערן: ווייס־רוסלאַנד, ליטע, עסטלאַנד, לעטלאַנד, בעסאַראַביע. שוין פאַלן מינסק, סמאָלענסק, דניעפּר, האָן און די טויערן צום קאַווקאַז . . . די פיינטלעכע מחנות קענען שוין זעען פון דערווייטענס די שפּיציקע און ציבעל־רונדיקע טורעמס פון מאָסקווע קירכן און די מאָדערנע געביידעס פון רוסלאַנדס אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. שוין איז דער שונא דער באַלעבאָס איבער די ספּיזשאַרניע פון רוסלאַנד—די אוקראַינע, די קרים, די פּאָרטס ביים שוואַרצן ים און אַזאָוו. פּלוצים — — צוריקגעשטויסן ווערט דער שונא פון די טויערן פון מאָסקווע, צוריקגעשטויסן ווערט דער שונא פון סטאַלינגראַד. דאָס פאַרבלוטיקטע רוסלאַנד לעקט זיינע אייגענע וואונדן, און אַ פּעריאָושטע מענטשהייט הייבט ווידער אָן צו באַקומען האָפענונג: רוסלאַנד קעמפט ווייטער, רוסלאַנד זיגט.

---

די וועלט סטראַשידלע האָט געהייסן: וועלט־יידנטום. וועלט־יידנטום איז נישט קיין אָרגאַניזירטע מאַכט און מיר ווייסן היינט, ווי דער עסטרייכישער קאָרפּאָראַל האָט געלעזט די יידנפראַגע אין די לענדער וואו ער האָט געזיגט.

און וואָלט דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד, חלילה, אויך געווען אַזוי שוואַך און נישט אָרגאַניזירט, ווי מיר יידן, אין צענטראַל און מערב־איירפּע, וואָלט דער שונא געקענט גיין איבער מאָסקווע און איבער סטאַלינגראַד ווייטער און ווייטער — אַ גאַנצע וועלט וואָלט געוואָרן געלייגט אין קייטן און די אַש פון אַלע יידישע קהלות אויך פון רוסלאַנד אין דעם נאָענטן מזרח און אפשר נאָך ווייטער וואָלט געוואָרן אַוועקגעטראָגן פון דעם שטורמווינד פון האַקענקרייץ. דאָס טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, נישט מיר יידן דאָ און נישט די יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווען מען געדענקט דעם טאָג, ווען דייטשלאַנד מיט זיינע וואַסאַלן האָבן מאַרשירט קעגן רוסלאַנד.

די יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און מיר די רעשטלעך יידן אין אַנדערע איירפּעאישע לענדער האָבן געלעבט אָן אָפּגעזונדערט לעבן איינער פון צווייטן. דאָס מוז אויפהערן שוין איצטער, ווען עס הערשט נאָך נאַכט; דאָס מוז אויפהערן ווען עס וועט קומען דער פרימאָרגן. — — —



משה עובד

# אַ מעשהלע דערציייל איך

(צו דער מעלאָדיע „אַמאָל איז געווען אַ מעשה“)

אַ מעשה׳לע דערצייל איך,
פון אַ פּרינץ אַ בן־מלך,
פון מלך־מלכי־המלכים,
פון מלאכים אלפי־אלפים.

דער פּאַלאַץ פון דעם פּרינץ,
איז ניט אַ פּיצעלע פּראָווינץ,
נאָר אַ גאָרער גרויסער וועלט,
ווי אַלעם אַרום בלויז קוועלט.

אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה
אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה.

מ׳האָט אים לײדער אײנגערעדט,
זיין פּאַלאַץ איז אַן אונריין בעט,
קויט און טויט, שינד און זינד,
און ער איז אַ פאַרטריבן קינד.

האָט ער עס צום האַרצן גענומען,
שיער, ניט שיער אומגעקומען,
אַזוי פיל ווייטיק, צער און שאַנד
פון אַן אייגענעם פאָטערס האַנט.

אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה
אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה.

פאַרפלייצט האָט ער מיט זיין קלאָג,
דעם ים פון נאַכט און טאָג,
דעם שחרית און דעם חצות,
וואָרט, קלאַנג און אות.

דער מבול פון זיינע יללות,
איהם פֿאַרשלעפּט אין גלות נאָך גלות,
אָן אָן ערד צו שטעלן אַ פוס,
אָן אַ הימל צו שיקן אַ גרוס.

אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה
אלי, אלי, י־ל־לה,
אלי, י־ל־לה.

האָט דער פאָטער אים געטרייסט,
ניט טרויער, מיין לעבן, מיין גייסט,
דיין פּאַלאַץ איז דאָך דער שענסטער,
די שטערן דיינע פענצטער.

דיך קיינמאָל ניט פאַרטריבן,
מיין באַליבט קינד ביזטו געבליבן,
אַלע אוצרות פאַר דיר געקליבן,
אין ימים און הימלען זיבן.

הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה,
הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה.

## דער אבן-טוב אין הימל

פונעם דימאַנטן מאַרק־טומל,
האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ קאַנאַרעק־בריליאַנט,
געפלויגן אַרויף צום הימל,
גלייך אַריין אין אַ הימלמאַנס האַנט.

ווען הימלמאַן האָט נאָך געטרעטן אויף דער ערד,
איז אים שוין געווען פון דער השגחה באַשערט
צו זיין מיטן בריליאַנט פנים אל פנים באַקאַנט,
און מיט זיין פייער אש־להבהדיק פאַרוואַנדט.



איצט האָט הימלמאַן זיין לאַנדסמאַן קוים דערקענט,
אַזוי שרפים׳דיק האָט ער געלויכטן און געברענט,
ווי אַ חתימה אויף אַ באַפרייאונגס־דאָקומענט,
אַזוי האָט ער דעם הימל פאַרבלענדט.

ער האָט געשיינט ווי אַ בלאָנד שוועלבעלע,
אין אַ גינגאָלד הימליש געוועלבעלע,
ס׳האָט יעדער זילבערנער שמייכעל זיבציק שליפן געהאַט,
ניט געקאָנט האָט די זון זיך איינקוקן זאַט.

ער האָט געווינקט אין הימלישע אויגן אַריין,
רמזים, ממעמקים, קוים, קוים, צו פאַרשטיין,
ער האָט געשטראַלט מיט פליגלען צושפּרייט
נאָר דער אין־סוף ווייסט ווי טיף און ווי ווייט.

וואָלקענס פאַר זיין הויכקייט זיך געביקט,
ווינטן מיט זיין פייערלעכקייט זיך געקוויקט,
ווען דער מאָרגנשטערן איז געשטאַנען שחרית ביים עמוד,
זענען די טרערן פון אבן־טוב געווען זיין נר־תמיד.

זיינע טרערן האָבן דייטלעך דערציילט,
פון דעם סדום און דעם דימאַנטן מאַרק,
נאָר אמת׳ע נביאים זענען אויסדערוויילט
צוליידן ווי דימאַנטן און בלייבן אַזוי שטאַרק.

## אויף שטאם און צווייג פון יעדער האנט

אויף שטאַם און צווייג פון יעדער האַנט,
האָב איך אָנגעצונדן דעם נס פון בריליאַנט,
מיט גאָלדענע רייפלעך זיי פאַרבונדן
צו היילן די טיפסטע לעבנס וואונדן.

מיט לבנה־עטרות שטערנס באַקרוינט
פאַר זיי אַזש אויגן געשיינט און געשטוינט,
געברענט מיט ברען פון לובלין און קאָצק,
געטרערט מיט טרער פון וואַרשע און פּלאָצק.

דערקוויקט נשמות מיטן גייסט פון די שטעטלעך,
אונזערע בשמים־ביקסן און שקעטעלעך,
געזאַלבטע פון ווייכן הויך,
חן וחסד זייער ריח־ניחות.

האָט אַ פאַרשטאַרטע האַנט רציחהדיק אויסגעשטרעקט,
מיינע הייליקע שטעטלעך זיי אויסגעמעקט,
מיט האָס פאַרסמטע האַקענקרייץ פינגער
פאַרלענדט און פאַרברענט די היילענדסטע זינגער.

ווער וועט איצט היילן דיין פאַרשטאַרטער האַנט ?
ווי וועסטו געפינען אַזעלכע צדיקים, אין וואָס פאַראַ לאַנד,
וואָס שעפן שנאה פון שונא׳ס בליק,
און טרינקן מיט ליבע אים אָן צוריק ?

אונזערע קדושים׳ס ליכטיקע פוסטריט,
קענסטו אָבער קיינמאָל ניט אויסמעקן,
איך דער יורש פון זייער הייליק בלוט,
גיי אין זיי דיך אויפצוועקן.

און ווי דאָס אַלטע וואָרט איז נאָך היינט דער כלי זיך,
וואָס געראַטעוועט האָט רוים און ירושלים,
אַזוי דאָס פויקנדיקע וואָרט פון גן־עדן שליחות,
וועלן פאַרטרייבן דיינע בייזע רוחות.

דיר אויסהיילן דיין קראַנקער, טויטער, טויטנדער האַנט,
דיך לערנען שעצן דעם רוים וירושלים פון יעדן לאַנד,
ס׳זאָל זיין די גרעסטע פון אַלע דיינע זיגן,
אַלע פעלקער ליב צו קריגן.



י. ח. קלינגער

## דער וויטשעפלער לאַנדס־שדכן אין דער ארמיי

(פון מיין זעלנערישן טאָג־בוך)

אויפגעדעקטע פלענער פאַר די „פריינט פון יידיש לשון". — פאַר שונאים איז לייענען פערבאָטן !

### יום ב׳ לסדר „כי יקח איש אשה"

אַז דער רבונו של עולם, זאָל מאריך ימים זיין, האָט מיר געהאָלפן און איך האָב דערלעבט אַז צו מיין דריטער „בר מצוה" זאָל איך ווערן אַ זעלנער און זיין דער באַשיצער פון גאַנץ מלכות ענגלאַנד און פון הייליקע, כמעט רעליגיעזע, דעמאָקראַטישע פרינציפן, איז דאָך, דאַכט זיך, אַז וואויל און גוט מיין חלק ! האָב איך פון זיך געגעבן אַ שאָקל־אָפּ אַלע אַמאָליקע התחייבותן, חובות און בעלי־חובות און מיר אויסגעאַרבעט אַ נייעם לעבנס־פּראָגראַם, צוגעסטריגע־וועט און צוגעפּאַסט צו מיין נייעם ערן־פּאָסטן. אַזוי ווי אָבער עס שטייט אין אונזער הייליקער תורה, אַז „לא טוב היות האדם לבדו" . . . ס׳הייסט : אַ מענטש ברויכט נישט איינרייסן די גאַנצע וועלט נאָר פאַר זיך אַליין — האָב איך טאַקע צוגענומען אַ גאָר וויכטיקן מענטשן דעם פרייוועט שטראָמער, ווייל וואָסי סטאַיעט נישט טשוירטשלען צו געבן נאָך אַ יידן אויף פרנסה ? און געזאָגט צו אים, צו פרייוועט שטראַמערן, האָב איך אַזוי : אמור ואמרת, דאָס הייסט, אַז איך וועל דערלאַנגען אַ פּלאַן און ער וועט אויספּלאַנעווען. אין אַנהויב איז אַלץ געגאַנגען ווי אויף סמאַראָווידלע. ער איז געשטאַנען אונטער גאָטס פרייעם הימל און אויסגעלייגט און צוגעגרייט באָמבעס, וכל באָמבע למינה, אַ יעדע באָמבע צו איר מין : ברען־באָמבעס מיט ברען־באָמבעס ; אויפרייס־באָמבעס מיט אויפרייס־באָמבעס און קאַטשקע־באָמבעס מיט קאַטשקע באָמבעס.

יאָ, וועגן „קאַטשקע־באָמבעס" מוז איך זאָגן אַ וואָרט בעזונדערע. ראשית זייט וויסן אַז „קאַטשקע־באָמבעס" זענען אַ „מיליטאַרי־סיקרעט", אַ זעלנערי־שער סוד אַזאַ פון וועלכן נאָר מיטגלידער פון וואָר־אָפיס וויסן. מען רופט עס קאַטשקע־באָמבע ווייל זי האָט די אייגנשאַפטן פון אַ קאַטשקע. זי לאָזט זיך אַריין מיטן שנאָבל אונטערן וואַסער און ווייזט אייך דעם חלק־שני. . . . שפעטער און אַז זי קומט אַרויס צוערשט מיטן שנאָבל האַלטנדיק אַ לאַנגען וואַסער־וואָרם וואָס דרייט זיך אין קאַנוולסיעס ביז ער שטאַרבט אָפּעט. אַזוי אויך די קאַטשקע באָמבעס : מען זעט ווי זי לאָזט זיך אַרונטער אונטערן וואַסער און שפעטער קומט זי אַרויף צוריק אויפן אויבערפלעך און אין שנאָבל האַלט זי אַ קוימען פון אַ דייטשישן אונטערוואַסער־שיף . . .

יאָ, איז זיך פרייוועט שטראַמער אַזוי געשטאַנען און אויסגעלייגט די אַלע מינים האַלב, גאַנץ און צוויי טאַניקע באָמבעס, אונטערגעזונגען אַ פזמון פון סליחות, ס׳רוב „שלוש־עשרי־מדות" און „שמע קולינו" ; אויפגעמאָלט אויף אַ יעדערע באָמבע אַ כתר תורה, אַ מגן דוד, און אַ צושריפט : „אַ מתנה

היטלערן״ . . . און אַלץ אויף יידיש, וואָרעם איר מוזט וויסן, אַז פּרייוועט שטראַמער איז בסך הכל איינער פון אונזערע „יידיש לשון״ רעציטאַטאָרס, אונדזער ר׳ חיים׳ל נ״י . . .

איך ווידער פלעג זיך שפּילן מיט איר. יעדן אָוונט, נאָך וועטשערי, האָב איך זי אויסגעטוען, צעשרויפט יעדע שרייפעלע און אויסגעפוצט און איינגעשמירט אַלע אירע לעכעלעך און געשעפּט גרויס נחת פון דער ברענגאַן, הייסט עס. איז דאָך אָבער באַשערט, אַז דער מענטש זאָל זיך מאַטערן כל־זמן ער לעבט, ווערט פּרייוועט שטראַמער אַליין אַן אינזשעניר און נעמט גאָר מיר דערלאַנגען פלעגער, און הערט מיינע צרות:

ס׳איז געווען דער זייגער 9 אינדערפרי. מיר זענען אַלע געשטאַנען אויפן פּאַראַדע־הויף אָנגעטאָן מכף רגל ועד ראש, פיקס־און־פּאַקס צו גיין שלאָגן דעם דייטש. דער סערדזשען־מיידזשער, אַן ערנסט־ברוגזלעך פּנים, ווי עס פּאַסט זיך אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט. געוואַרט האָט מען נאָר אויפן „קאָמאַנדינג־אָפיציר״, דעם מאַיאָר. זאָגט צו מיר פּרייוועט שטראַמער אין דער שטיל: „איר ווייסט, מ׳עט אונדז נאָך נישט שיקן צום „דריטן פראָנט״. אויף מיין שאלה פאַרוואָס, ענטפערט ער מיר אַז: ראשית האָבן מיר נישט מיט וואָס צו שיסן און שנית האָט ער אַ נייעם פּלאַן, און אַלעמאָל ווען ער האָט אַ פּלאַן רירט ער זיך נישט פונעם אָרט. דער „קאָמאַנדינג־אָפיציר״ איז אָנגעקומען און דער „סערדזשאַן־מיידזשער״ מיט צוויי לאַנדס־קאַפּראַלן זענען אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, פון איין זעלנער צום אַנדערן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געקומען נאָכזען וועמעס ס׳האָט זיך אָפּגעשוירן די נעגל און וועמעס נישט. ווייל דער באַשאַפער, אַז חבר שטראַמערס נעגל פון דער רעכטער האַנט זענען נישט אָפּגעשוירן, ווייל ער קאָן נישט שערן די רעכטע האַנט מיט דער לינקער און ווייל קיין נעגל־שערעלע האָט ער אויך נישט. איי, וועט איר פרעגן, ווי אַזוי זשע האָט ער פאָרט נישט קיין נעגל אויף דער לינקער האַנט? איז דער ענטפער אַזאַ: בעת ער קלערט אַריין אין אַ נייעם פּלאַן, גריזשעט ער מיט די ציין אָפּ די נעגל פון דער לינקער האַנט . . . איבעריגענס, מיר ווילן אים לאָזן בייסן זיינע נעגל און צוגיין צו זיין פּלאַן.

## און דאס איז דער. פלאן

היום יום ג׳ בעומר, און אויף זעלנעריש, דער אַכטער טאָג פיס־ברעכעניש און נאָכן צוועלפטן האַנט־גראַנאַט וואַרפן. ביי די אומות־העולם רופט מען עס אַכטער טאָג מאַנעווורעס.

איך ליג מיר אויף גאָטס אַ שטיקל באַרג. געלויבט איז דער וואָס כ׳בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, פאַרן באַשאַפן אין מיטן ים אַן אינזעל וואָס הייסט בריטישע אינזלען. טאָ ליג איך מיר אויף אַ שפּיץ פון אַזאַ שטיקל אינזל וואָס דערלויבט זיך מיט זיין ברעג אַרונטערצעקריכן אונטערן ים׳ס וואַסערן און דאָרט אונטערקוקן ווי אַזוי די פיש מערן זיך. און די „העלדן פון



מאָרגן״ פון אונזער „פּייאָניר־קאָרפּוס״ לערנען זיך צילן מיט אַ האַנט־גראַנאַט היטלערן אין גניבהשן וואַנצעלע אַריין. די זון זשאַלעוועט נישט און וואַרעמט. דאָס סאָסנע וועלדל אין וועלכן מיר ריכטן אָפּעט חצות, שטייט שמונה־עשרה. אויף די זאַמדיקע בערג לערנט מען זיך הרגענען דעם שונא, און איך ליג מיר אויף אַ זייטיקן זאַמד־בערגל און היט אַ קעסטעלע מיט מעטאַלענע קנייטלעך, וואָס דער לאַנדס־קאַפּראַל האָט מיט אונדז איינגעחזרט אַז עס הייסט „דעטאָנייטער״ און אַן וועלכן דער האַנט־גראַנאַט בלייבט ליגן אַ טויטער אויף ביידע לאָפּאַטקעס און קען זיך נישט אַ ריר טאָן. אויפן דעק פונעם קעסטעלע איז אויפגעשריבן: הדעטאָנייטערס הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם. אַן ענלעכער לשון ווי להבדיל ביי חנוכה ליכטלעך, נאָר מיטן אונטערשייד וואָס ביי די ציוניסטן איז עס אויף לשון קודש און ביי אונדז, פּייאָניערס, איז עס אויף ענגליש. נאָר וואָס איז דען דער חילוק. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ענגליש און העברעאיש זענען זיך היינט די גרעסטע צוויי פריינט — — —

נו, אַז אַנרירן טאָר איך דאָס קעסטעלע מיט „דעטאָנייטערס״ אויך נישט, טאָ צו וואָס ליגן מיט אָפענע אויגן? אפשר האָט מען גאָר פאַרגעסן אויפצושרייבן אַז קוקן זאָל מען דערויף אויך נישט? טאָ האָב איך געכאַפּט אַ קאַפּעטשקעלע אַ דרימל. פיל איך אַזוי אין דרימל, ווי עפּעס שאַרט זיך און ראַטשקעט זיך אויף אַלע פיר. איך וויל אויפהייבן דעם קאָפּ, כאַפּן צוויי דאַרע הענטלעך מיך אַן ביים קאָפּ און מיט אַ „בלייבט ליגן, יאָך בין עס״, נעמט ער מיך איין.

הכלל בקיצור עס זיצט לעבן מיר ר׳ חיים׳ל דער לאָנדאָנער גענעראַלשדכן — טאַקע אונזער פּרייוועט שטראַמער — ווי איך בין אַ סאָלדאַט, איר וואָלט אים נישט דערקענט! — די איינגעפאַלענע בעקלעך האָבן ביי אים באַקומען פאַרב און זענען שוין אויס ב״ה ווי געשוואָלענע. פון אונטער אַ פּאָר שטאָלענע מיליטערישע שפּאַקולן קוקן אַפּויער צוויי ברענענדיקע, שוואַרצאַפּלדיקע, געניייוועשע קוקערלעך און דאָס ביינדל אין שמאָלן גערגעלע זיינעם גייט ווי אַ פּאָמפּע אַרויף און אַראָפּ און וואָס גיכער ער רעדט אַלץ שנעלער באַוועגט זיך ביי אים דאָס ביינדל אין גערגעלע.

נאָך איידער איך קען דערגיין ביי אים ווי אַזוי ער האָט דאָס געוואוסט אַז איך ליג אַדאָ און ער רעדט שוין און צעלייגט זיך מיט לשון און פלעגער און איך פאַרגעס אַז פון אַלע זייטן שיסט מען. איך הער נישט קיינעם נאָר אים ר׳ חיים׳לען:

„יאָך בין יעצט, מ׳שטיינס געזאָגט, פּרייוועט שטראַמער—זאָגט ער—יאָך דער באַרימטער לאָנדאָנער שדכן! איי אַ שאָד וואָס איר זענט נישט געווען ביי מיר אין מיין אָפיס (ביוראָ); יאָך האָב אַ בוך מיט טויזנטער אַדרעסן פון יידישע גערלס (־מיידלעך) וואָס ווילן, יאָ וואָס ווילן חתונה האָבן. אין מיין ביזנעס האָב יאָך שוין פאַרדינט ביז דריי מיט אַ האַלבן פונט אַ וויק (־וואָך); איי, צערינען מיינע פלעגער! יאָך האָב געוואָלט אָפּקויפן דעם יידישן

„פּייפּער“ און דאָרט שרייבן נאָר וועגן מיינע ביזנעס. נאָר וואָס זשע טוט גאָט? ער שטעקט מיך אַריין אין די „פּייאָניערס“. . . . גאַנצענע נעכט קען יאָך נישט שלאָפן. איז מיר איינגעפאַלן האַ, האַ, האַ, נו יאָך מעג עס אייך זאָגן, נאָר זאָל עס דערווייל ביי אייך בלייבן בסוד — — — יאָך פאַרשטיי, אַז די בריטישע מיניסטאָרן זענען היינט שטאַרק „ביזי“ (באַשעפטיקט) מיטן „סעקאָנד פראָנט“, אָבער די מלחמה וועט זיך דאָך אַליאַדע טאָג געבן אַן ענדיק אָפּ, טאָ וועס וועט, נעבעך, געשען מיט די טויזנטער טיי־טי־עס־גערלס? וויל יאָך אַז איר זאָלט פאַר מיינעט וועגן אָנשרייבן אַ בריוו צו דער „קווין“ (קעניגן), זי איז דאָך די מאַמע פון אַלע „איי־טי־עסקעס“, און זאָל זי מיר צושיקן אַ טשעק פון 25 פונט און אַ בריוו צום „סערדזשאַן־מיידזשער“, אַז ער זאָל מיר געבן פיר וואָכן „ליוו“ (־אורלויב) וועל יאָך פאַרלייגן אַ שדוכים־באָארד“ . . . און דאָ האָט זיך מיין פרייוועט ר׳ היימל געגומען היצן, די אייגעלעך, אָט די שוואַרצע קורצזיכטיקע אייגעלעך וואָס טראָגן אויף זיך זעקס־דיאָפּטערי גלעזער, האָבן ממש געשטראַלט און פלענער, האָט ער געהאַט אַז אסור צו שלום־עליכם׳ס „מלמד פון קאַסרילעווקע“ האָט וועגן זיי געקענט חלומען!

וואו איך גיי און וואו איך שטיי האַלט ער אין איין רעדן וועגן אָט דעם געוואַלטיקן אויפטו זיינעם, וועגן דער „שדוכים־באָארד“ וואָס ער וויל מאַכן . . . און וועגן זיינע נייע פּלענער — — —

יוסף הלל לעווי

## אָרימע

א. נ. שטענצלן פאַר גליקלעכע טעג.

מיט וואָס קענען אָרימע ליבן דען קינדער,
ווען ס׳האַרץ זיי פאַר ליבשאַפט און צער איבערגייט? —
אַ נישט מיט קיין שפּילעכלעך שיינע אויף וואונדער,
נאָר פשוט מיט ליבע און טרייסטנדע רייד.

מיט לייב און מיט לעבן און ווערטער באַחנטע,
מיט קושן וואָס גיסן פון האַרץ זיך אַרויס,
אַזוי ווי די שטראַלן מיט ריחות פאַריינטע
פון פורפורנעם בעכער פון בליענדער רויז.

שטאָט ליכטיקע שטיבער, און דופטיקע ערטער,
שטאָט פיינע מאכלים און קליידער פון זייד,
פאַרמאָגן די אָרימע מענטשן נאָר ווערטער —
ווי שטערן פון האַרצן צעפורפורטע רייד . . .



## עס זענען באַלד טויזנטער אַנדערע דאָ . . .

וואָס קען מען שוין פיל פון די מענטשן פאַרלאַנגען
וואָס גנבן אַרונטער פון הימל דאָס בלוי? —
און שענקען זייער לעבן פאַר ווערטער און קלאַנגען,
פאַר פרייהייט און ליבע, אַוועק צו אַ פרוי . . .

וואָס קען מען דען פיל פון די מענטשן שוין זאָגן,
וואָס זיי אין דער ביטערסטער צער ניט צו שווער?
נאָר זינגענדיק קענען זיי אַלעס דערטראָגן
אפילו ווען ס׳ווערקט זיי די טונקלסטע טרער.

וואָס קען מען דערוואַרטן שוין פיל פון די ברידער,
וואָס קיינער באמת פון זאַט זיין ניט ווייס, —
נאָר פאַשען דאָס לעבן זייערס תמיד מיט לידער,
און פגרן אויס דאַן פאַרהונגערט ווי מייז.

ווער קען דען ניט אַלע פון עלנט פאַרגרויטן
די שלעפּער, וואָס רעדן נאָר אייביק פון זיך?
און גייען אַרומעט ווי פרינצן אין צויטן —
סיי ווינטער, סיי זומער, אין אָפענע שיך.

און ציט ווען די פיס אויס פאַרלאָזן אין מרחקים,
אַ נגיד אַזאַ אין אַ ביטערער שעה?
קבצנים וואָס זענען ממלא זיין מקום
עס זענען באַלד טויזענטער אַנדערע דאָ . . .

י. ריכטיגער

## פרייהייט פון דענקן און גלויבן ביי יידן

אין אַלע צייטן האָט דאָס יידישע פאָלק סעקטן געדולדעט צווישן זיך. שוין אין די צייט פון די שופטים האָט מען אויפגעשטעלט אַ פסל מסכה צו וועלכן אַ טייל פון פאָלק האָט געדינט. ביים צווייטן בית המקדש האָבן מערערע סעקטן עקזיסטירט און פאַרשפּרייט זייער פּראָפּאַגאַנדע אונגעשטערט. ווער עס שטודירט נאָר ערלעך, ניט טענדענציעז די יידישע געשיכטע קאָן זיך איבערצייגן פון דער ריכטיקייט פון די באַהויפּטונג.
רענאַן אין זיין בוך „וויע דע דזעזוס“ זאָגט אפילו, אַז די תורה איז געוועזן

דער ערשטער קאָדעקס וואָס האָט איינגעפירט אין די וועלט רעליגיעזן טעראַריזם, און אַז יודאַאיזם האָט געגעבן אַביישפיל פון אַ פאַרשטיינערטע דאָגמאַ, באַוואָפנט מיט אַ שווערט. ער ווייזט אָן אַז די פרשה פון „כי יקום בקרבך נביא" איז אַ באַווייז פון נידריקסטן אַבסאָלוטיזם: פון אַן אונטאָלעראַנץ וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין די אַלטע געצענדינערישע וועלט.

ווער עס האָט אָבער דעם מינדסטן פאַרשטאַנד איבער שטאַאַטס־וועזן מוז מיט עקעל אָבוואַרפן די דאָזיקע טייוולאָנישע באַשולדיגונג, וואָס זוכט אַרויפצוּוואַרפן די שולד פאַר די בלוטיקע מעשים פון יעזואיטישן קריסטנטום אויף די יידן, וואָרים אפילו דאָס מאָדערנסטע־דעמאָקראַטיש־פרייע לאַנד וועט ניט ערלויבן איינעם פון זיינע זין צו פרעדיקן צווישן די מאַסן, אַז זיי זאָלן דעזערטירן זייער אינסטיטוציעס און איבערלויפן צו פרעמדע. ווער עס ערלויבט אַזעלכע מעשים אין זיין מיטען, ערלויבט הפקרות. טאָלעראַנץ דאַגעגן מיינט לאָזן אַ צווייטן פאָלק זיך אויסלעבן אין זיין אייגענע קולטור. עס איז די פרייהייט קעגן וועלכע דאָס יעזואיטישע קריסטנטום פאַרזינדיקט זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר.

אַז דאָס יידישע פאָלק איז געווען טאָלעראַנט אפילו קעגן אייגענע סעקטן אין די צייט פון צווייטן בית המקדש, דערציילט אונז יוספן בן גוריון. אין זיין „קדמות היהודים" שרייבט ער, אַז שוין אַ לאַנגע צייט פאַרן חורבן איז ענטשטאַנען דריי פילאָזאָפישע שטרעמונגען אין ארץ ישראל, צדוקים אסיים און פרושים. די אסיים זענען געווען אַן אַסקעטישע סעקטע. זיי זענען עס געווען די וואָס האָבן מחבר געווען די פאַרשידענע אַפּאָקריפען. אין די לעצטע וואָס זיי האָבן פאַרפאַסט געפינען זיך די ערשטע שפורן פון אַ נייע מיסטישע פילאָזאָפיע. פון אַ דאָקטרין וואָס זעט פאָר, אַז די וועלט וועט אונטערגיין און אַ מענטשן זין וועט ערשיינען און אַראָפּברייינגען אַ מלכות שמים אויף די ערד. אין דעם קעניגרייך פון גאָט וועלן די מענשטן אויפהערן צו זיין מענטשלעך. זיי וועלן זיין פיזיש און גייסטיק פערפעקט און לעבן אין אייביקן גליק און פרידן.

אין שויס פון די סעקטע און אונטערן איינפלוס פון זייער דאָקטרין האָט זיך געבילדעט דער קערן פון קריסטנטום. די קריסטלעכע לערע איז אין באַגיז געווען וועניק צו אונטערשיידן פון די אסיימישע. ווי די היסטאָריקער ווייזן אָן, האָבן די ערשטע אַפּאָסטאָלן געגלויבט אַז זיי געפינען זיך ערב אַ וועלט־אונטערגאַנג. זיי האָבן געדענקט, אַז דאָס אַלטעגלעכע לעבן: דאָס אַקערן און זייען כדי זיך צו פאַרזאָרגן מיט ברויט, דאָס באַזיצן פון פריוואַט אייגענטום און דער אינטימער פאַרקער צווישן מאַן און פרוי, טוט נאָר פאַרלענגערן דעם טויט שטרייט: די גסיסה פון אַ שטאַרבנדע וועלט. זיי האָבן דערפאַר געפרעדיקט, אַז דער מענטש זאָל אויפגעבן זיינע מאַטעריעלע פאַרלאַנגען און זיך באַהעפטן מיט זיין הימלישן פאָטער.

אַז די פרושים האָבן ניט געשטערט די קריסטלעכע פראָפּאַגאַנדע אין זייער מיטען דערציילט אונז סט. לוקאַס. אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון „סט. לוקאס



אַקטס" געפינען מיר, אַז די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן די ערשטע קירכע געגרינדעט אין ירושלים און פון דאָרטן אויס פאַרשפרייט דעם קריסטלעכן גלויבן אונגעשטערט. אין קאַפּיטל פינף ווערט דערציילט, אַז ר׳ גמליאל זאָל האָבן געזאָגט אויף אַ זיצונג פון די סנהדרין „אויב די קריסטלעכע סעקטע פרעדיקט עפּעס וואָס איז ניט רעכט וועט זי פון זיך זעלבסט פונאַנדערפאַלן, אויב גאָט נעמט עס אָבער פאַרליב, קאָנען מיר דען באַקעמפן דעם ווילן פון גאָט?" אין די קאַפּיטלעך 8־7־6 ווערט דערציילט, אַז אין דעם מאַרטירער טויט פון דעקאָן סטעפאַן, אין יאָר ק.ע. 37, זענען שולדיק די צדוקים, און אַז דער הויפּט אָנפירער פון די עקזאָקוציענערן איז געווען שאול פון טאַרסיס, דער שפּעטערער אַפּאָסטאָל סט פאול. טאַרסיס ווי סט. פאול איז ערצויגען געוואָרן אין אַ העלעניסטישע שטאָט, מערסטענטיילס פון די איינוווינער זענען געווען גריכן, און פיל היסטאָריקער טראַכטן פון דעם צו באַווייזן, אַז ער מוז זיין געווען פון די פרושים, ווייל ער האָט ניט געשריבן קיין קלאַסישן גריכיש. דער באַווייז איז אָבער ניט קיין שטאַרקער. וואָרים ווער קאָן מיט זיכערהייט זאָגן אַז די צדוקים האָבן געשריבן אַ בעסערן גריכיש? נאָך מער, די קאָסמאָפּאָליטישע אידעע וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין קריסטנטום איז געווען אַ העלעניסטישע און ניט קיין יידישע, און צוליב די אידעע איז ער טאַקע געקומען אין אונאייניקייט מיט די אַפּאָסטאָלן פון ירושלים. אפילו רענאַן אין זיין בוך „אַפּאָסטאָלס" ווייזט אויך שוין אויף, אַז סט. פאול קאָן ניט האָבן געווען ר׳ גמליאלס אַ תלמיד, ווי פיל היסטאָריקער דענקן, וואָרים עס איז אַן אַבסאָלוטער ווידערשפרוך צווישן ר׳ גמליאלס פרינציפּן און די אויפירונג פון שאול פון טאַרסיס.

די יידן זענען צו יענער צייט שוין געווען טיילווייז פאַרשפרייט איבערן גאַנצן רוימישן רייך. איבעראַל האָבן זיי געהאַט געמיינדעס און סינאַגאָגן. וואָס אַזעלכעס די יידישע סינאַגאָגן זענען געווען פאַר די מאַסן זאָגט אונז רענאַן „די יידישע סינאַגאָגע איז אין די אַלטע צייט געווען אַ שולע, אַ שפּיטאָל, אַ שפּייזהויז, אַ שוץ פאַר הונגעריקע און נויטבאַדערפטיקע.

פאול, באַרנאַבאַס און מאַרק האָבן געהאַט פאַר זיך אַן אויסגעטראָטענעם וועג. זיי האָבן נאָכגעפאָלגט מיט זייער מיסיאָן די פּיס טריט פון די יידישע עמיגראַנטן. די יידן, זייענדיק ווייט פון זייער רעליגיעזן צענטער, פון ירושלים, זענען אָבגעפרעמדט געוואָרן פון יידישקייט און האָבנדיק איבערנומען פון זייערע עלטערן דעם אַסיימישן גלויבן אין דעם קומען פון אַ מלכות שמים, זענען זיי מיט אַ לייכט האַרץ איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום. זייערע סינאַגאָגן האָבן זיי פאַרוואַנדעלט אין קירכן און דורך זייערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס האָבן זיי געהאָלפן פאַרשפרייטן דעם גלויבן אין די דריי אייניקייט צווישן די געצענדינערישע פעלקער. פון יעדע גזירה וואָס די רוימישע טיראַנען האָבן אַרויסגעגעבן אויף די יידן, האָט דאָס קריסטנטום פראָפּיטירט, וואָרים באַפרייט פון די יידישע געזעצן האָבן די גזרות אירע אָנהענגער ניט געטראָפן און באַנוצנדיק זיך מיט די יידישע אינסטיטוציעס האָט די קירכע צו זיך צוגעצויגן די

געפּײַניקטע און פֿאַרפֿאָלגטע פֿון אַלע אַנדערע גלויבנס און אַזוי אויסגעשפּרייט איר הערשאַפֿט איבער דעם גאַנצן רוימישן אימפּעריום.

די ייִדן האָבן קיינמאָל ניט געגלויבט אַז אין פּראַקטישן לעבן איז מעג־לעך אײַנצופֿירן די אידעע פֿון קאָסמאָפּאָליטיזם אָדער אוניווערסאַליזם. די ייִדישע קדושים האָבן ניט אַוועקגעגעבן זייער לעבן פֿאַר די רעכט אַז אַלע מענטשן זאָלן זײַן גלײַך, זיי האָבן עס געטון פֿאַר די פֿרײַהייט פֿון גלויבן און דענקן, פֿאַר די רעכט צו זײַן ניט גלײַך, אַזוי לאַנג ווי דאָס ברענגט ניט קיין שאָדן די אַנדערס דענקנדע . אַלע פֿאָרשער, ייִדישע און ניט־ייִדישע, וואָס וואַרפֿן פֿאַר די חכמי התלמוד אַז זיי האָבן פֿאַרוואַנדעלט יודאַאיזם אין אַ ענגע רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע דאָקטרין, פֿאַרשטייען לגמרי ניט דעם גרונט־פּרינציפּ פֿון דער יודאַאיסטישער וועלט פֿילאָזאָפֿיע. די קאָנצעפּציע פֿון פֿרײַ־הייט, פֿון גלויבן און דענקן, וואָס איז דער ערשטער פּונקט פֿון אַטלאַנטיק־טשאַרטער און דער באַזיס פֿון אולטראַ מאָדערנעם רוסלאַנד, פּרעדיקט שוין די תורה כעמט דרײַ טויזנט דרײַ הונדערט יאָר. דאָס וואָס דער גרעסטער פֿון די נביאים מיכה המורשתי האָט געזאָגט, „לא ישאו גוי אל גוי חרב ולא ילמדון עוד מלחמה, כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו“, אַז פֿרידן קאָן נאָר דאַן קומען, ווען יעדעס פֿאָלק וועט זײַן געזיכערט די פֿרײַהייט זיך אויסצולעבן אין זײַן אייגענע קולטור, האָט ער פּשוט אויסגעדריקט די אַלטע יודאַאיסטישע וועלט־פֿילאָזאָפֿיע. יודאַאיזם גלויבט אויך ניט אַז די מענטשהייט קאָן אַמאָל קומען צו אַזאַ פּערפֿעקציאָן פֿון וועלכע אוניווערסאַליסטן און אוטאָפּיסטן טרוימען . . .

פּראָפֿעסאָר האַראָלד י. לאַסקי אין זײַן נײַעם בוך „פּאיטה ריזאָן ענד ציוויליזיישאָן“ באַהויפּטעט, אַז די פֿאַריסטישע דאָגמאַ „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ“, אַז אָרימקייט איז אַן אונפֿאַרמײַדלעכעס נאַטור־געזעץ, שלעפּערט אײַן דעם געוויסן פֿון דעם מענטש און לאָזט אים ניט רעוואָלטירן קעגן אַ וועלט פֿון אונטערדריקונג און עקספּלאָטאַציע. ווי עס זעט אויס האָט דער חשוב'ער פּראָפֿעסאָר דעם מאמר ניט גענומען פֿון אָריגינאַל, אַנדערש וואָלט ער געוואוסט, אַז דער גרויסער תּלמודישער פֿיזאָלאָג און פֿאָרשער „שמואל“ האָט דעם דאָזיקן פּסוק גאָר געבראַכט קעגן די אוטאָפּיסטן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ווען משיח וועט קומען וועט דער מענטש ווערן פֿיזיש און גײַסטיק פּערפֿעקט. ער האָט זיי אויפֿגעוויזן אַז „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד שנאמר כי לא יחדל אביון מקרב הארץ“, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט זײַן אַ פּראָדוקט פֿון בלוט און פֿלייש וועלן זײַן אונגליקלעכע און לײַדנדע אויף די ערד. דערפֿאַר קאָן דער אונטערשייד צווישן די איצטיקע וועלט אָרדנונג און די צוקונפֿטיקע נאָר זײַן אַז אין די נײַע וועלט־אָרדנונג וועט ניט זײַן קיין אונ־טערדריקטע און עקספּלאָטירטע. אַז אביון מיינט ניט אָרימקייט באַווײַזט דער סוף פֿון דעם פּסוק „פתח תפתח את ידך לאחיך“, דו זאָלסט עפֿענען דײַן האַנט צו העלפֿן דײַן ברודער „לעניך“, דײַנע אָרימע, „ולאבינך“, און דײַנע לײַדנדע. יודאַאיזם האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין די אוטאָפּיסטישע טעאָריעס, אַז



דורך קאָסמאָפּאָליטיזם, אוניווערסאַליזם אָדער אַנדערע איזמען קאָן דער מענטש ווערן פֿיזיש און גײַסטיק אַנדערש. אמת, ער קאָן פּראָגרעסירן, ער קאָן מער וויסן, מער פֿאַרשטיין, מער באַגרײַפֿן, אָבער ניט פֿאַרענדערן די סובסטאַנץ פֿון וועלכע ער איז געשאַפֿן. און דערפֿאַר איז יודאַאיזם שטענדיק אין צוזאַמענשטויס געקומען מיט די אָרביס אידעען, קיין אונטערשייד אויב זיי זענען געווען אַסי־רישע, באַבילאָנישע, גריכישע, רוימישע אָדער קריסטלעכע. זייענדיק אָבער אין די זעלבע צײַט קעגן יעדן פֿאָרם פֿון געוואַלט טאַט, דאָס הייסט, קעגן אַרויפֿצווינגען איר איבערצייגונג אויף אַנדערע, האָבן די חכמי התלמוד ניט אַנדערש געקאָנט טון ווי שאַפֿן גדרים און סייגים כדי אָפּצוהיטן דאָס אייגענע פֿאָלק אַז עס זאָל ניט פֿאַרצוקט ווערן פֿון די אַלעס פֿאַרשלינגנדע אָרביס'ן.

## „פֿרײַנט פֿון ייִדיש־לשון“ און הילף פֿאַר סאָוויעט־רוסלאַנד

דאָס וואָס מיר, „פֿרײַנט פֿון ייִדיש־לשון“, זענען אָנגעשלאָסן אין „ייִדישן פֿאָנד פֿאַר סאָוויעט־רוסלאַנד“ און מיר אַרבעטן אינטענסיוו מיט אינם איסט־ענדער קאָמיטעט, טראָגט אין זיך אַ טיפֿערן זין ווי די פֿעראַנשטאַלטונגען און אונטערנעמונגען, בכדי צו זאַמלען די באַשטימטע סומע געלד וואָס דער איסט־ענדער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פֿאַר זײַן ציל.

אונזער ציל איז אין די „אונטערנעמונגען“ און „פֿעראַנשטאַלטונגען“ נענ־טער צו מאַכן און מער צו באַקאַנען דעם ייִדישן עולם דאָ מיט די גרויסע קולטור אוצרות, וואָס דאָס סאָוויעטישע ייִדנטום האָט געשאַפֿן און האַלט כסדר אין שאַפֿן.

צום טייל באַגרײַפֿן שוין דאָס די איסט־ענדער קאָמיטעט מיטגלידער! אָבער פֿיל ברייטער און אויספֿירלעכער טון מיר דאָס אין אונדזערע ייִדיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, ווו אונזערע פֿאָרלייענער, רעציטאַטאָרן און זינגער האָבן אָפּט די מעגלעכקייט עס צו באַווײַזן אויף אַ גאָר גרויסן אופֿן: דוד בערגעלסאָן און דוד האָפּשטיין און קוויטקאָ און פֿעפֿער און מאַרקיש און האַלקין און די פֿליאַדע פֿון די ייִנגע פּראָזע שרײַבער זענען גאָר באַקאַנטע נעמען און נאָנטע פֿאַרן עולם פֿון די ייִדיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.

בײַ דער אויסשטעלונג פֿון די „דרײַ שטעט: לענינגראַד, סטאַלינגראַד און סעוואַסטאָפּאָל“ אין דער „ווײַטשעפּלער אַרט גאַלעריע“, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט עס צו טון אויף אַ גאָר אימפּאָזאַנטן אופֿן און פֿאַר אַ פֿיל גרעסערן עולם ווי אין אונדזערע געוויינלעכע ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס.

יעצט גרייטן מיר צו צום 6־סטן אויגוסט אַ מוזיקאַלישן ליטעראַרישן קאָנצערט אין גרויסן זאַל פֿון דער „טאָנבי האָל“, און אונדזער צוועק איז נישט נאָר, אַז דאָס געלד פֿונם בילעטן פֿאַרקויף זאָל גיין פֿאַרן „ייִדישן פֿראָנט פֿון

סאָוויעט־רוסלאַנד״, נאָר אין דעם אָוועגט אויף נאָך אַ ברייטערן אופן צו קע־נען באַווייזן די גרויסע דערגרייכונגען פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אויף די געביטן פון יידישער ליטעראַטור און מוזיק.

ביי דעם קולטור־מצב דאָ, אין אונדזער ישוב, און ביי די טעכנישע שווע־ריקייט איצט, זענען אויך די מאָגערע „העפטלעך״ וואָס זענען אָפט געווידמעט דעם „שאַפן פון די סאָוויעטישע יידן״, אַ גרויס אָנשטרענגונג. און אויב מיר דערמאָנען אונדזער טעטיקייט וואָס שייך די אַרבעט פון אונדזערע ברידער אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז עס נאָר כדי מ׳זאָל דערפון אַרויסזען אונדזער פריינטשאַפט און ליבע צו זיי, און אונדזער גרויסער פרייד מיט זיי: מיט זייערע גרויסע זיגן, און מיט זייער אינטענסיווע קולטור־טעטיקייטן אויף אַלע געביטן פון יידיש גייסטיקן שאַפן.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אַדלער סטריט, א.1.—3 נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 1־טן יולי, וועט דער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער מ. מינדל האַלטן אַ פאָרטראַג: רודאָלף ראָקערס קולטור־טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער מאַסן אין לאָנדאָן. אייזיק גאָלדבערג, נ. רובין און בלום וועלן דעקלאַמירן און זינגען די לידער פון עדעלשטאַט און באָוו־שאָווער.

שבת, דעם 7־טן, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ פאָרטראַג איבערן שאַפן פון שאול טשערניכאָווסקי.

שבת, דעם 15־טן, וועט זיין אַ הערצל און ביאַליק נאָכמיטאָג. שלמה אויערבאַך וועט ריידן איבער ביאַליקס שאַפן. די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט וועט רעציטירן ביאַליק, און די זינגערין ביעלאַ גוטמאַן וועט זינגען ביאַלקיס לידער. א. אייזיקאָוויטש וועט ריידן איבער הערצל׳ס פערזענלעכקייט.

שבת, דעם 22־סטן, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון יידן אין ענגלאַנד. משה עובד וועט ריידן איבער שאַפן אין יידיש, פרוי רחל-דון־יחיא—איבערן שאַפן פון יידן אין ענגליש.

שבת, דעם 29־טן, וועט זיין ווי אַלע יאָר דער טראַדיציאָנעלער שבת־חזון נאָכמיטאָג. רב דוב וואַרשאַווסקי וועט האַלטן אַ רעפעראַט. חזן שמואל ראָטה וועט זינגען די ציון-לידער פון יהודה הלוי. י. ביעטש וועט פאָרלייענען פון אונדזערע קלאַסיקער.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סט., לאָנדאָן, א.1.



## אונדזערע שטעט און שטעטלעך

(אַ באַגריסונג-אויפרוף)

אונדזערע שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן יעצט באַפרייט דורך דער רויטער־אַרמיי, זיינען הייליקע יידישע ערד — מיט יידיש בלוט זיינען זיי אַדורכגעזאַפּט! מיט יידיש שאַפן פאַרוואָרצלט ביזן צענטן דור!! אונדזערע גייסטלעכע און גייסטיקע קולטור איז אויף זייער באָדן אויפגעגאַנגען. נאָר צו דערמאָנען בלויז ווילנע און לובלין! און יעדע קליינע שטעטל דאָרט איז דאָך אַ סימבאָל פון קולטור און תורה, פון יידישע שעפערישקייט און גייסטיקייט—פון איינגעשפּאַרט־קייט און עקשנות פאַר אונדזער ווייטערן קיום! די יידישע שולן און לערער סעמינאַר, די ישיבות און רבישע הויפן אין יעדן צווייטן יידישן שטעטל!! די ביבליאָטעקן און פערלאַגן, אַרבעטער־כאָרן און טעאַטערס, חלוצישע קבוצות און אַרבעטער קלובן; דער התלהבותדיקער ברען און אַקטיוויטעט פון די יידישע מאַסן אין יעדן יידישן שטעטל און שעפערישן ווילן; וועלכעס שטעטל, עד־היום, שמט נישט מיט עפעס אַ גאון, אַ געלערנטן, אָדער אַ באַרימטן קינסטלער?

די קלאַסיקער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, אַלע אונדזערע גרויסע שרייבער און פּאָעטן און קינסטלער זיינען דאָך געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אָט די שטעטלעך און אין די שטעט און שטעטלעך געטון זייער עבודת הקודש. און די שרייבער און קינסטלער און וויסנ־שאַפטלער, וואָס לעבן און אַרבעטן יעצט אין אַנדערע יידישע ישובים, אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל, זיינען זיי דאָך אויך אַרויסגעוואַקסן פון אָט די הייליקע און צעוויטיקטע ערד פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך.

די שונאים פון יידישן פאָלק, די שונאים פון דער גאָרער מענטש־הייט, האָבן אונדז געוואָלט אויסראָטן ביז צום שורש — עס איז זיי נישט געלונגען! די גלאָררייכע רויטע אַרמיי טוט דאָס צו זיי איצט, וואָס זיי האָבן אונדז געטון, זיי ווערן פאַרטריבן און פעריאָגט פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיי האָבן פאַרוויסט און אין די הונדערטער טויזענטער אונדז דאָרט ווי די שאָף ממש געשאָכטן און מיט די ערגסטע ענויים אונדז פאַרטיליקט. די רויטע אַרמיי יאָגט זיי אַצינד, אונדזערע

האָבן פייערלעך געגלאַנצט אין איר בליק!
איז געבליבן שטיין אַ רויטער אַרמייער,
אַרום זיין האַלדז ס׳וואָלט זיך געקניפּט אַ שטריק —

# ווילנע ירושלים דליטע

## פאר די טויערן פון ווילנא

ווען איר וועט קומען פאַר די טויערן פון ווילנא
און ס׳וועט נישט זיין קיין ייד דאָרט אייך אַנטקעגנצוגיין,
פון זיין קבר אַרויס ס׳וועט אויפשטיין דער גאון,
מיט ברויט און מיט זאַלץ אייך מקבל־פנים צו זיין.

די זילבערנע טאַץ מיט פרישגעבאַקענעם ברויט
וועט ער טראָגן אין זיינע ליכטיקע הענט די זון,
„דאָס זאַלץ פון דער ערד" וועט זיין אינם זאַלץ־מעסטעל,
ס׳ברויט צו טונקן אײדער איר וועט טועם זיין דערפון.

ווייל אין קברים ס׳איז קיין ספר־תורה נישטאָ,
וועט אַ שר התורה אַליין אייך אַנטקעגנגיין!
און ווייל פון אַזאַ מויל די ברכה איבער אייך,
וועט אייער מלכות אויף דער ערד אויף אייביק באַשטיין!

יענער אָבער, וואָס וועט די ברכה דערהערן,
מיט אייגענע טרערן וועט ער באַזאַלצן דאָס ברויט,
און אין זיין הילכנדיקן שריט אין שטאָט אַריין
וועט עס קריצן: „שן תחת שן" — אַ טויט פאַר אַ טויט!

## א ווילנער רויט-ארמייער

דאָ איז געווען דעם גאונס געפּאַקטע קלויז,
אַ שטיק פונם פּאַליש ס׳איז נאָך צו זען,
און דאָרט אין יענעם געבליבענעם קעלער,
ס׳איז דער משפּט איבער פאָן וואַל געווען.

הערש לעקערט! ווען מאַמע האָט פון אים דערציילט,
האָבן פייערלעך געגלאַנצט אין איר בליק!
איז געבליבן שטיין אַ רויטער אַרמייער,
אַרום זיין האַלדז ס׳וואָלט זיך געקניפּט אַ שטריק —

שונאים און די שונאים פון דער גאַרער מענטשהייט, עד חרמה! אויף די חורבות, וואָס זיי לאָזן נאָך זיך, וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן אונדזערע ישובים, וועלן צוריק אויפבליען אונדזערע פאַרוויסטע מקומות — די יידישע גוערילעס, אַנגעשלאָסענע אין דער רויטער אַרמיי, צוזאַם מיט אונדזערע יידישע ברידער אין דער גלאָררייכער רויטע אַרמיי זיינען די גאַראַנטיע דערפאַר!

צוריק אויפבליען פון זייערע חורבות און מאַסן־קברים וועלן אונ־דזערע לעבעדיקע און אַרבעטזאַמע שטעט און שטעטלעך. צוריק אויפ־שטיין צו נייעם אַקטיוון שאַפן און גייסטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישע און מענטשלעכער קולטור און צו יעדער נוצלעכער פּראָ־דוקציע. די שטעקן געבליבענע וואָרצלען פון אונדזערע אָפּגעהאַקטע לעבנס וועלן זיך צוריק פאַנאַנדערוואַקסן אין שטאַרקע שטאַמען און אין זאַפטיקע בליענדיקע דורות.

מיר דאָ, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לייב און נפש מיטן יידישן פיזישן און גייסטיקן לעבן פון אונדזערע ברידער, שיקן אונדזער באַ־גייסטערונג צו די העלדן פון דער רויטער־אַרמיי און צו די אַנשליסנ־דיקע גוערילעס פון אַלע באַפרייטע שטעט און שטעטלעך. מיר שיקן זיי אונדזערע ברכות פון די טיפענישן פון אונדזערע הערצער, און מיר האָפן אויף די באַלדיקע זכיה און זכות צו זיין פאַרבונדן באַלד אין געמיינזאַמער אַרבעט פאַרן קיום פונעם באַפרייטן יידישן פאָלק און פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, און צוזאַמען בויען אַן ערלעכע און גע־הייליקטע קולטור, וואָס פאַרבינדט אַלע פעלקער אין איין משפחה פון פריינטלעכע ברידער.

פריינט פון יידיש־לשון.

לאָנדאָן, דעם 30־טן יולי, 1944.

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סט., לאָנדאָן, א.1.